STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01744

MAYN LID--MAYN TFILE

Jacob Brodsky

Permanent preservation of this book was made possible
by Minerva & David Davis
in memory of
Jenny & Morris Cohen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב בראָדסקי / מיין ליד — מיין תפילה

פארלאג
ל. מ. שטיין
שיקאגא

[illegible] [illegible] [illegible] י. [illegible] —

[illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] [illegible] [illegible] [illegible];

[illegible] [illegible], [illegible] [illegible], [illegible] - [illegible] [illegible];

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]...

[illegible] - [illegible] [illegible] [illegible];

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] —

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

[illegible] [illegible]

יעקב בראָדסקי

מיין ליד - מיין תפילה

לידער און פּאָעמען

אין דריי טיילן

ערשטער טייל: אַף גאָטס ערד;

צווייטער טייל: בלעטער אין וואַלד;

דריטער טייל: דער וועג צו גאָט.

פאַרלאַג ל. מ. שטיין שיקאַגע

Copyright, 1955
by
JACOB BRODSKY
4932 W. Van Buren St.
Chicago, Illinois

Published by
L. M. STEIN, PUBLISHER
210 S. CLINTON STREET
CHICAGO 6, ILLINOIS

INTERNATIONAL PRINTING COMPANY
3138-40 West Roosevelt Road
Chicago 12, Illinois

יעקב בראָדסקי — געצייכנט פון דזש. ריבאס

אַ וואָרט צום קריטיקער

ווילסטו, באמת, אַ צווייטנס אמת וויסן?
לייען מיט אַ ריין געוויסן . . .
קאָנסטו אָט דאָס וואונדער נאָך באַווייזן —
מעגסטו זוכן גרייזן.

דיכטער שטאַרבן נישט,
זיער אָרט בלייבט נישט ליידיק . . .
די וואָס אַרבן זייער וואָרט —
אַרבן עס אַף אייביק.

צום לייענער

קיינער איז נישט פריי פון חסרונות;

בלויז דער שוטה און דער רשע זענען תמיד אין דער מעלה . .

נאָר דער וואָס פאַרשעמט אַ צווייטנס רעיונות —

און טראָגט נאָך דערביי די קרוין פון גאונות . . .

שטייגט, אין זדונות, איבער אַלע.

מיין פרוי — מינין — מיט ליבשאַפט

ערשטע טייל

אַף גאָטס ערד

מיין ליד — מיין תפילה

ניט פאַרוויילן — חלילה!
איך בין געקומען מיט מיין ליד — מיין תפילה,
ווי מיט האַמער און דלאָט,
זיך אײַנקריצן אין אײַער טראָט...
און ס'וועט זיין — ווי אַמאָל, צו נעילה —
אין אָוונט־שעהן שטילע,
בעת גזר און גנאָר
גייען אויף פּאַר גאָט...
— וועט איר זיך אַליין דערזען
ווי די קאַנווע פאַרן וועלט־געשען;
אײַער פרייד און אײַער פּיין,
וועט ווי ליכט אין שאָטן זיין...
מענטש ביי מענטש וועט מער ניט זיין אין פּלען —
און ווייסן וועט טון פליסן ווי זונען־שיין.



אני מאמין — געצייכנט פון יעקב בראָדסקי

אני מאמין

דיכטונג — זעלבסט־דערקענטעניש — וועלט־ליבשאַפט.

(פּאָעטיש־פילאָסאָפישער באַשייד.)

א

אַני מאמין — אַז ליד: דער מקור פון יענער אור־בראשיתדיקער נאַקעטקייט,
וואָס מענטש האָט פאַרלוירן אין טאָג פון פאַרלאָזן דעם גן־עדן . . .
דאָס געמיט, וואָס פלאַטערט אויף אין זיין ברוסט, אין רגעס פון לוסט און ליידן —
דאָס איז: זיין ערשטע, וואָר־באַפאַקלטע אַנטוואַקלטקייט,
אין פנים פון דער וועלטס און זיין אייגענער האַרטנאַקנקייט;
דאָס איז: דאָס ערשט־אויפגעריכט אמונה־ליכט, אין זיינע אינגעוויידן,
וואָס גייט אויף אַף זיין געזיכט, אין ריטם פון זיין איינזילביק ריידן...
דאָס איז: ס׳געזאַנג פונם אור־יידן — אוראַנג אומאַנג־אַנטאַפנקייט,
וואָס האָט זיך אַף די הינטערשטע צוויי פים אַוועקגעשטעלט —
און אַ בונד מיט גאָט צווישן אָקסן־פליישן אויפגעשטעלט . . .
דאָס איז: דאָס אומבאַוואוסט, פון זיך אַליין געמוזט, באַגלויבטע גלויבן,
וואָס האָט אַלע שויבן פון אַ קיינמאָל־פריער געאַנטער „דער און יענער־וועלט"
אויפגעהעלט; זיין „איך־זיך" אומרינגלען, ווי דאָס אומפליגלען פון טויבן,
וואָס האָט אים איבער זיך און איבער יעדער ערד־ווידמונג דערהויבן.

ב

אני מאמין — אַז דאָס איז דער שטומער צוטרוי פון דער חיה צו איר אייגענעם מין,
אין מענטש געכפּלט אַף יעדן מין; אַף יעדן פלאַנץ און שטיין —
און אין רגעם פון געלייטערטקייט — אַף גאָט, וועלט, ביז אַף זיך אַליין;
ביז יעדער נייך־באַגין פאַרוואַנדלט יעדן שאָטן־גרין אין נייזין...
פון דער אור־ערשטער, אינזעקט־גענערטער אונטער־וואַסער שפּין —
צום אָדלער אין די הימלען — ווימלען, אין אַנצאָל־מאָל פאַרענדערטן געביין,
מינים: גרוים און קליין; געוועבן — פון ניי־לעבן אין אייביקן אַנטשטיין,
פון קוואָ וואַדים ביז אַליבאַבים אומפאַרשטיין דעם זין פון צייט און אָרט־רוטין;
(דער אור־וואַלד, אַיינגעקריצט אין די טריט פון אונדזער אור־אַלט,
געשטאַלטיקט נאָך ביז איצט אונדזער ערדישן אָנהאַלט . . .)
ביז דאָס וועלט־געזיכט, וואָס איך'ט אין יעדן צעלע־שטריך, מאַניפעסטירט
זיך איבערגוואַלד אין יעדן צלם־איך — אַף ניי־געשטאַלט.
דאָס איז דער טראָפ אַפן „אַלעם גוםטן", וואָס האָט פון הייל־וואוין אונדז אַרויסגעפירט
און מיט דער קרוין פון אַלע זיבן קונסטן אונדזער קאָפּ באַצירט.

ג

אני מאמין — אַז ווייל מענטש, אָנגעהערער, איז מערער ווי דערגאַנץ פון די מינים,
איז ער זיי אַלע — מיט חסרון און מעלה — כולל אין זיך;
און כאָטש ער טיילט זיך אויס פון זיי נישט בלויז מיטן גלאַנץ פון זיין פליך,
איז אין זייער טראָט געטראָטן — און אין זיי געראָטן אַלע זיינע דינים;
איז אין זייער שאָטן און אין זייערע געבאָטן געקנאָטן אַלץ וואָס אין אים . . .
זענען זיי אַלע (ווידער מיט חסרון און מעלה) עמבריאָלאָגיש, טיילן פון זיין איך —
(יש אומרים אַז ער טראָגט נאָך איצט דאָס אָפּבילד פונם וואַלד־זיגער, אין זיין דיך...)
און, לויטן קנעל אַף צייט און אָרט־באַדינג: דאָס לעצטע וואָרט פון די אָפּקלייב־מאמינים,
איז ער דאָס איבערבלייב פון פאַרלוירענעם רינג, אין דער פעל פון אַ פליאַדע
וואַלד־ברואים, וואָס האָבן אונטער גאָט ווייסט סאַראַ תנאים, אָפּגעטיילט אַוודאי
זיך פון מאַלפּע־שטאַם... (אינם לייב, וואָלף און טיגער איז מענטש, ביאָלאָגיש, פרעמד—)
און דערפאַר מסתם, זוכט ער ביז איצטער נאָך צוריק דעם וועג צו דער סטאַדע . . .
אין געבאָט פון פאַרלענד און פאַרשווענד גייט אויף דעם מענטשנס זעלבסט־פאַרבלענד;
און דורך דעם מענטש — צו גאָט און צו דער וועלט — יעדער קער און ווענד.

ד

אני מאמין — אַז ווייל מענטש איז דאָס העכסטע אינם וועלט־באַשאַף,
איז זיין ליבשאַפט: מוז — ווילן צו אַלץ העכערן וועלט־תכלית;
דער באַרג־אַרויף פון די, וואָס שיילן זיך אַרויס פון אַלע מחנות,
גייט — פון דעם האָר־באַוואָקסענעם בר נש, אין אור־וואַלד: מענטש־אַף;
(אָדם׳ס שרעק, בעת זיין נאַקעטן גוף־אַנטפּלעק — בראשית פון שטיין און גאַף —)
ביז ב. ריווקינס אויפגעוואַכט געדאַכט וועגן שפּראַך־נס...
אין אַלעמאָל אין אים פאַראַנקערט דער אָנצאָל תחנון׳ס:
זיין וועלט־דערקענטעניש — אינאיינעם מיטן זאַק אַש אין תקיעת כף
פון די עלטער־זיידעס, אַף אייביקער עקידות־גרייטקייט;
אין אומעטום פאַראַן דער, וואָס טראָגט דעם יאָך פון אויסדערוויילטקייט . . .
אין איבעראַל אַף אים חל דאָס פאַרשטענדעניש פון וועלט־אַל:
ס׳געזאַנג פון פויגל־פאַנג, גן־עדן שלאַנג; פאַרלאַנג צו אויסגעטיילטקייט —
מאָראַל פון מענטש, אינם וועלט־שיקזאַל — דער דערקריך צום אנכי־איך פון טאַרע־כלל;
דער קאַמף פאַרן „דאָ־זיין”, אינם אונטערבאַוואוסטזיין פון צדיק און וואַנדאַל.

ה

אני מאמין — אַז ווייל מענטש איז אין זיך כולל אַלץ, דערפֿאַר זיין ליבשאַפֿט צו אַלץ;
זיין ווילן אַלץ צו באַנעמען, אַרומנעמען — ווי אין זיך אַריינצונעמען . . .
ווייל אַט דאָס אַלץ איז גאָר ער אַליין: דער סכום פון אַלע זיינע סכעמען.
פון גווירשווינס ראַפּסאָדי אין בלוי — געצייכנט אין אַ צייכענונג שאַגאַלס —
ביזן מעשהלע פון לוט'ס ווייב, פאַרוואַנדלט אין שטיין־זאַלץ:
מענטש־באַדייט — באַנייט אין בייט פון אַלע זיינע צייט־פּראָבלעמען...
און אויב דאָס לייטערל צום הימל ניט אָנשפּאַרן אָן אים — אָן וועמען?
אין זיין געמיט איז אויפגעהיט דאָס פּנים פון בעל שם און פון דעם וואָס אַפֿן טאָפּ שמאַלץ
זיין עולם הבא היט . . . דווקא ער, וואָס האָט פּנים על פּנים מיטן טויט,
אַ זיין עולם הזה, אַ זיין עולם הבא — אַפֿן ווינט געבויט . . .
איז גאָר דער, וואָס דער אַל און אַלץ איז ער אַליין: „איך" — אין זיך אָנגעוואָקסן;
דאָן קיכאָט און פאַביום לינד — אין יעדן דור אין אַנאַנדער הויט . . .
אין אים זענען שאָף און רינד און בופל־אָקסן, מיט אַלע שטראָף און זינד־פּאַראַדאָקסן,
אַריינגעוואָקסן, איבערגעוואָקסן... און צו דער „איך־מענטש"־מדרגה אויסגעוואָקסן.

ו

אני מאמין — אַז ליבשאַפט איז דער איינציקער אופן פון דערקענטעניש;
(ניטאָ קיין פּאַרטיפּטשאַפט אָן ליבשאַפט . . .) אַז דערקענטעניש — איז ניט
אויסערן מענטש נאָר אין אים; אין דער „איך־זיך" פאַרבלענדעניש, וואָס היט
זיין טאָג־טעגלאַכע, איינציק מעגלאַכע זעלבסט־פאַרשטענדעניש . . .
דערפאַר זיין שפּיגל־פּנים: העלד אַף כסדרדיקער וועלט־פאַרענדערניש;
און ווייל דאָס פּנים פּתם לייב, וואָלף און טיגער איז אין אַלע זיינע גורל־טריט,
איז אין דער זעלבער ראָם געפורעמט אויך זיין גאָט־וועלט־מענטש־געמיט . . .
רייפט—מיט יעדן צייט־אָפּשניט אין אַלע זיינע גלידער—זיין זעלבסט־פאַרשווענדעניש;
גייט ווידער און ווידער אויף אַף זיין גומען דער נאָמען: טשינגוס כאַן —
אַ זאָמען, אויפגעקומען — ווען אים האָט לשון נאָך געפעלט . . . נאָך דאַן,
ווען אין פורעם פון דער לאָם, ביים וואַסערל אין פעלד, איז געווען זיין חלום וועגן נאַרונג;
און ווייל דער חלום איז אים נאָכגעגאַן אַף יעדן טראָט און שפּאַן,
איז שרעק און פאַרמעסט — אין דער נעסט פון זיין אור־דערפאַרונג —
עד היום דאָס שיריים פון קעסט, אין דער קלאָם פון זיין גאָט־לאָם־גאַרונג.

ז

אני מאמין — אַז אַלץ וואָס מענטש האָט געוואוסט, ווייסט און וועט זיך דערוויסן,
וואָרט — דורך אַלע וואָרן — אַיינגעזאַפּט אין זכרון פון זיין אייערנעכטן . . .
דאָ ליגט, אומצעטיילט, דאָס שלעכטע אין גוטן און דאָס גוטע אינם שלעכטן;
ווייל דערקענטניש, וואָס קומט מיטן ערשטן ביסן, ווערט מענטשנס העכסט געניסן —
דער חלום פון באַגערטן עפּעלע — דאָס שליסעלע צום וועלט־געוויסן . . .
ביז, אין קאַמף צווישן גערעכטן און דעם אומגערעכטן,
גייט אויף דאָס פּנים פון דעם, וואָס האָט דעם פאַרשווערכטן
וועלט־אמת — אַף אַלטע פאַרמעטן — אין רינשטאָקן צעריסן . . .
פון דאַנען דער וועג צו זיך — (אומגעצוימטע אַלעמאַנען־שטריכן,
קריכן איצט נאָך אים אין פּנים...) ווי אין די טעג פון סיחון,
עוג מלך הבשן — דאָס וואונדער־לשון פון דעם, וואָס אָן אים באַזיצט
די וועלט אינגאַנצן ניט קיין בושה . . . און אַלע אירע איד'ן,
געשטעלט אין געשיכטע־שאָטן, ווערן אינם שאָטן אַיינגעקריצט —
חייל דער וועג צו גאָט און צו דער וועלט איז מיט אייגן בלוט באַשפּריצט.

ח

אני מאמין — אַז ס'איז געווען בעת שרעק האָט זיך געראַנגלט מיט בטחון
און אומגלויבן מיט זיכערקייט; און די שלאַנג האָט זיך געשטאַרקט
און גובר געווען . . . און דער וואָס שעכט האָט געשאָכטן; דער וואָס וואַרגט —
געוואָרגן; און מענטש, אָן איביקייט, ווי יעדע קריכיקייט — ביים טויט פון זיין שכן,
אין זעלבסט־ניחא'קייט — זיין ברויט קייט . . . בעת דאָס געשטאַנק פון קנאָפּן —
ווי אַ דערווידערטע טויטקייט, אין געווידערטער רויטקייט—אַף זיין קאַרק זיך קאַרקט...
עס איז געווען: בעת זעלבסט־וואויל האָט געחבורט גרויל אויף גרויל, ניט געקאַרגט
יאָכן איבער יאָכן—בעת גע'צבור'ט מויל האָט אין געקנויל פון אַ לאַנגן אינדערוואָכן,
וועגן וואָר וואָרט; וואָס אין קאָרט — און וועגן מערווערט געפלאַפּלט...
בעת מענטש: נאַקעט, הויל—אין אָפּענעם מויל פון אויסגעהוילטע תוך'ן זיך צאַפּלט;
ס'איז געווען: בעת מ'האָט זיך נאָך געפלפּלט וועגן „מיינס־דיינס־יענעמ'ס" —
און, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל, געהיט דאָס מפיל, וואָס די וועלט האָט געמפּילט...
ביז אויסגעהוילטקייט איז געוואָרן זעלבסט־ציל; און פאַרפוילטקייט — שפּיל און רמז
אַף וועלט־האַס און זעלבסט־העסלעכקייט — דעם מענטשנס אמת.

ט

אני מאמין — אַז פֿון צײַט צו צײַט גײען אױף בײנקשאַפֿטן אין מענטשנס האַרץ,
װאָס פֿירן אים צוריק צו זײַן גן־עדן'דיקער גאַנצקײט . . .
װי בלינדע גלי־װערים װערט דאַן זײַן עראָגאַנץ — זײַן עלעגאַנץ קײט
מאַרד־געדײנקשאַפֿטן: באַר'ס, בעטהאָװענס, בראַמס און מאָצאַרטס;
(מאָרגן־ליכט אין געזיכט פֿון אַ קינד — און װי די נאַכט, אַזוי שװאַרץ . . .)
זײַנע טרערן — גין־גאָלד־רײנשאַפֿטן פֿאַר זײַן איך־באַקראַנצטקײט —
װערן טאָלעראַנץ־געװײנשאַפֿטן פֿאַר זײַן אומעטומעדיקער אומפֿאַרפֿלאַנצטקײט;
דער מתים־טאַנץ אַמאָל, אין דער קאַלטער שול, אין אַ חשכיתדיקן שבתצענאַכטס . . .
און — דער מאַטער אָפּגלאַנץ אַפֿן קאָפּ פֿון דעם, װאָס דער עצי שטים
גײט אים נאָך בײַם לעבן ביזן טאָג װען מ'פֿאַרשיט אים;
ביז אָט די בײנקשאַפֿטן, אָנגעטאָן אין ריטם פֿון זײַן שפּראַך —
אַלץ װאָס אים איז דאָ פֿאַרבליבן — װערן דער שטערן־גאַנג, װאָס היט אים . . .
פֿאַר אַלע גרױסשאַפֿטן און קלײנשאַפֿטן דער לעצטער אָפּרו־דאַך;
פֿאַר מענטשנס אײנזאַמקײַנשאַפֿטן — דאָס געבענטשטע קעניגרײַך.

ו

אני מאמין — אַז דאָס איז געווען דער זין פון אונדזערע תרי"ג מצוות:

אַ פּריווילִיקע זעלבסט־דיסציפּלין צו פאַרוואַנדלען רייד אין מעשים . . .

דורך סיגים און צרופים — ווי חלפים איבער גופים — מיט לולבים און הדסים,

דורך מקוה'ס — התקוה'ס... אין תעניתים — ביז תחית המתים אַפן שפּיץ נאָז —

דערהויבן דעם צלם אלקים איבער אַלץ וואָס איז נוצלאָז . . .

דער וועג פון אַן אַלט־מאָדיש גוי קדוש: (אַ דיכטער־פאָלק, אין כתונת פּסים —)

וואָס וויל אין יעדן ייד, אויסשפּילן דאָס מופת־ליד : „אליהו טרעפט אין גאַס אים..."

דער גרייז ביים אָפּריכטן גלות — מיט די פּאָלעס קעגן ווינט — שוצלאָז;

דער, וואָס פּאַסט מאָנטיקס און דאָנערשטיקס און היט זיך פון שעטנז...

דער, וואָס טראָגט אַ לעבן לאַנג זיין שבת־קלייד פון שוואַרצן אַטלעס —

און וויל, דער וועלט אַף צו להכעיס, מיט יורה דעות אין באָרד און פּאות־שפּיל,

אויסשפּילן אַף זיך אַליין לפּחות, זיין אייגענע התנצלות . . .

דאָס איז גבורות עצמאות, בשורה מתוך עצבות — גאולה־ציל;

דאָס איז: ס'וארשתיך־געפּיל, ביים לייגן אַף דער לינקער האַנט די תפּיל.

י"א

אני מאמין — אַז ס'איז געווען דער פּחד פֿאַרן היינט און די מורא פֿאַרן מאָרגן:
די ירושה פֿונם רשע'ס „וואויל אַם בעסטען", וואָס האָט ווי אַ שלאַנג,
אין יידנס האַרץ געטאָן זיך נעסטן... פֿון זון־אויפֿגאַנג ביז זון־פֿאַרגאַנג —
אין יעדן לאַנד, נאָכאַנאַנד — אין דער מאָס פֿון זיינע טאָג־זאָרגן,
זיין זעל געמאָסטן; ביז אומפֿאַרשטאַנד — די קעל זיינע געוואָרגן...
ביז אין זיין מאַרטער־גאַנג, האָט ביים ראַנד פֿון אונטערגאַנג,
זיין אור־אור־פֿאַרלאַנג דערוואַכט — און ווי דער אָפּקלאַנג
פֿונם וועכטערס שטאָק, אַף אַ דורכגעפֿוילטן פּניאק, אין וואַלד פֿאַרבאָרגן —
דאָס געדאַכט פֿון דעם, וואָס האָט אין דער קאָרע פֿון אַן אויסגעהוילטן בוים
זיין טויט געפֿונען... ישעיה'ס נאָמען — זיין אחרית־טרוים,
געוואָרפֿן אין פּנים דעם, וואָס האַלט נאָך איצט אין פּלען אים...
אַ טרוים — גענערט ביי יעדן שטענדער — זינט די אויפֿשטענדלער קעגן רוים,
אין יעדן דור, ווידער און ווידער זיך פֿאַרמאָסטן קעגן דעם און יענעם —
און דערפֿאַר איז לוי יצחק פֿון באַרדיטשעוו ביזן סטון פֿאַרטאָן אין גיהנום.

יב

אַני מאמין — אַז דער „אהבת העולם" פֿון מײַן טאַטן און זיידן ז'ניט געווען אומזיסט;
אַז דאָס פֿאַרמיאוסט גאָט־וועלט־מענטש־געשטאַלט — אויפֿגעשטראַלט,
אין בלוט פֿון זײ בײדן — אַף דער גן־עדן־פֿלײט אויסגעשאַלט...
פֿליסט, פֿון אור־אָנפֿאַנג ביז אומפֿאַרגאַנג — כסדר; עס פֿליסט
פֿון טיר צו טיר, חדר צו חדר — צו דעם וואָס רויעט זיך נאָך איצט אין געצן־מיסט;
עס איז די שקיעה אין וואַלד — און דער בליץ בעת דער דונער פֿאַלט —
וויזאַוויז דעם תליה־שפּיץ און דעם צײנער־קרײץ אין טאָג פֿון פֿאַרגוואַלט...
די נאַכט פֿון לאַנגן מעסער און די האַנט פֿון דעם סאַדיסט —
דערציילן פֿון מוט, מיתה; תפיסה און גסיסה־פּײַן... (פֿאַרוואָר דער ביס
אין צײט, בײַט אַ האָר נישט דעם באַדײַט פֿון יעדן קריעה־ריס . . .)
כמעלניצקי, פּעטליורא — ביז דער וואַרשעווער געטאָ: דאָס אייביקע געוואָי
פֿון דעם, וואָס פֿלאָנטערט זיך פֿון נמרוד'ס צײַטן אָן, אין שטויב פֿון מײַנע פֿיס . . .
און טראָץ דעם: ס'ליד פֿון מאָרגן — אויפֿגעהיט און פֿאַרבאָרגן אין יעדן טראָפּן טוי —
די בריק צווישן ייד און גוי... וואָס „ואף על פּי שיתמהמה — אחכה לו".

יג

אני מאמין — אַז דער שמע ישראל, אַף וואָלינער און פּאָדאָליער שליאַכן,
ווערט אין אַלע שפּראַכן — אין די טריט פון די, אַף אַלע קרייצוועגן געקרייציקט —
ווידער אויפוואַכן; אין געמיט פון יענע, וואָס האָבן זיך געפּלייסיקט,
איבער אַלע גרענעצן, מענטש־באַגרענעצקייט דערגרייכן —
אין דאָרן־ליכט אַמאָל, אין מדבר אויפגעהעלט, דאָס וועלט־געזיכט איבערמאַכן...
דאָס געוויין פון אַלע דורות — דורך אַלע תורות געצייטיקט;
דאָס געזאַנג פון אַייזן און פון שטאָל, אין יאָמער־טאָל פון מענטש פאַרגייציקט;
דאָס צעבראָכן פידעלע, אַף די ברעגן פון אַלע טייכן —
גאַנץ מאַכן... מיטן פּנים צום מענטש אַ דריי טאָן די געשיכטע־ראָד,
אינם מאַכט־פאַרשיכורטן, — האַר און בעטלער־קאַראַהאַר;
אַלע קנייטשן אַפּן פּנים פון דער מאַמע ערד, אין יעדער ריכטונג,
אויסגלייכן... דאָס מענטש־שיקזאַל, אַפּן שפּיץ שווערד: ס'מעשהלע פון קין הבל־מאָרד—
אויפריכטן; פאַרניכטן דעם באַגנעטן־גנאָד: זיין אייגענע פאַרניכטונג,
דורך פאַרפליכטונג; דורך פאַראייכטונג — דורך די לידער פון פּאָעטן — דורך דיכטונג.

לאסאנגעלעס — יולי, 1951.

נצח ישראל — געצייכנט פון יעקב בראָדסקי

װאָר־װאָרט

(אָנשטאָט פֿאָרװאָרט...)

װאָרט — פֿון פֿאַרצײַטיקע װאָגלער־לשונות;
װאָרט — פֿון געקרײַציקטן גלויבן און מוט...
װאָרט פֿון אַלזײַטיקער שלאָגלער־גאונות:
ירושה פֿון דורות, פֿאַראַנקערט אין בלוט.

װאָרט — איבער שליאַכן פֿון זיבעציק אומות;
אַף זיבעציק שפּראַכן — אײן אײנציק געבאָט...
מיט זיבעציק־פּאַכיקן מאַרטער־עקשנות —
די האָסט געשטאַלטיקט דעם מענטש און זײַן גאָט.

די ביסט דאָס האַרץ פֿון דערציער װאָס שפּירט
קיום פֿון הײַנט, אינם אור־אַלטן נעכטן;
די ביסט די האַנט פֿונם פֿירער, װאָס פֿירט
עונש און שכר — צו אַ זין, אַ גערעכטן...

די ביסט דער היטער װאָס היט און פֿאַרהיט
פֿונק פֿון אמונה, אין אַל־דעם פֿאַרשװעכטן;
די ביסט דער ריטער, װאָס שמידט און צעגליט
פֿונק פֿון סכנה — אין לײַב, דעם פֿאַרקנעכטן.

די ביסט דער שומר, אין נאַכט, װאָס באַװאַכט
צלם פֿון גאָט — איבער הענקער־געשטאַלטן;
יעטװידן טרוימער זײַן טרוים האָסט געבראַכט:
װאָרט פֿון דערלײזונג אין שימות באַהאַלטן...

װאָרט פֿון דערלײזונג, פֿון גלויבן און מוט;
פֿון טאַטעס און זײדעס בטחון־ירושה...
די האָסט געצײכנט פֿאַר אונדז דעם מאַרשרוט —
דורך טרערן און בלוט — דעם װעג צו קדושה.

מידת הדין

און איך האָב געהערט, אין בלויען באַגין,
אַן אָדע — געשפּילט דער גריל און דער בין.

א

אַ פּאַסטעכל שפּילט זיין ליד אַף דער דודע,
אונטער אַ הימל — ווי אולטראַ מאַרין;
זיין ליד איז אַן אָדע דער גריל און דער בין —
געשפּילט פאַרן הונט אין דער בודע.

און שטיל, ווי די נאַכט אַרום אים, אַ מידער —
ער שפּירט אַ געדאַכט דערוואַכט אין זיין גוף;
ער הערט אין די גלידער: מאַנונג, באַרוף —
און שפּילט פאַר די שאָף זיינע לידער...

דאָס פּאַסטעכל שפּילט — און זעט דורכן דרימל,
וואָגשאָלן צוויי אין באַנאַכטיקן גרין;
און איבער זיי — צווישן ערד און הימל —
שפּילט זיך דאָס שפּיל פון מידת הדין.

די נאַכט איז שטיל, דער הימל בלוי;
צי האָט ווען אַ שפּיל דען געשפּילט זיך אַזוי?

ב

צי האָט ווען אַ שפּיל דען געשפּילט זיך אַזוי?
אַ שפּיל פון זיידעס, טאַטעס און זין;
אַ שפּיל — זאַלבענאַנד — פון אומזין און זין,
געשפּילט נאָכאַנאַנד צווישן ייד און גוי.

אָ, — נישט קיין בעטלער אַף דער לירע;
נישט פֿדהצור אַף זיין פֿידל —
דאָס שפּילט די נאַכט אַף שווערד און רידל,
דאָס ליד פֿון רואה ואינו נראה...

דאָס איז דער חלום, געחלומט פֿון זיידעס;
די עדות פֿון דורות גרויל און גזר...
דאָס איז דאָס פּנים פֿון טויזנט עדה'ס,
וואָס ליכטיקט אויף אין ענדלאָזן צער.

אָט דאָס איז דער שלום וואָס האָט זיי באַשלומט;
צי האָט ווער אַ חלום אַזאַ ווען געחלומט?

ג

צי האָט ווער אַ חלום אַזאַ ווען געחלומט?
אַ חלום — טויזנט מאָל וואָרער פֿון וואָר...
אַ חלום, אין לויף פֿון צוויי טויזנט יאָר,
פּנים על פּנים דעם טויט געפּנימט.

דאָס איז דער דויער פֿון צוואַנג און פֿאַרגוואַלד;
נידער — און ווידער־אויפֿגאַנג פֿון אַ ריז,
וואָס ריזלט אין מיט פֿונם וועלט־קאַפּריז —
וויזאַוויז דעם וואָי פֿון דער חיה אין וואַלד...

דאָס איז דער אייביקער גאַנג צו עקידות;
דער וועג וואָס פֿירט צו מאַדעגאַסקאַר...
דאָס איז דאָס ליד פֿון אַלטער פֿריידעס —
דער ייד־קאָמיסאַר, אינעם ס. ס. ר.

דער נאַר, וואָס האָט פֿאָראויס פֿאָראויסגעזען:
גזר, וואָס דאַרף און מוז געשען.

ד

גזר, וואָס דאַרף און מוז געשען;
די האַנט וואָס שעכט און בלייבט גערעכט...
צי האָט באמת ווער פאַרשוועכט
דעם נאָמען מענטש, נאָך מערער דען?

אָ, וועלט־פּרינציפּ — רעכט און אומרעכט;
ווי דער פרילינג־טרוים סוף־ווינטער...
און — ווי דער פרילינג־טרוים פאַרשווינדט ער,
אין תהום צווישן גוט און שלעכט.

נאָר איז נישט האַר — אַמאָל גאָר קנעכט?
איז נישט צומאָל דער אָקס אין דער סאָבע,
וואָס מעלה־גירה'ט אַזוי עכט —
גאָר דער שר פון מזל ברכה?

מענטש! — ביסטו נישט אין מאָרד־מאַשין אַ שרייפל?
אָ, שפּיל פאַסטעכל, שפּיל אַף דיין פייפל.

ה

אָ, שפּיל פאַסטעכל, שפּיל אַף דיין פייפל;
שפּיל ביז ס'פּלאַצט דאָס האַרץ פון שטיין...
גאָט אין הימל פאַרנעם דאָס געוויין
פון ייד, וואָס שפּילט אַ שפּיל מיטן טייפל.

פאַרנעם און דערקען: איז עס דיינס נישט דען —
אָט דאָס מייסטער־ווערק פון ברידער־הענט?
איז ניט אַמאָל אויך יוסף'ס העמד —
דאָס אייביק זעלבסט־געשענד — דיין קער און ווענד געווען?

איז נישט צימאָל אָט דאָס בלוט־פאַרלענד;
פאַרשווענד פון אייגן פלייש און ביין—
גאָר מוט־פאַרבלענד?... און דאָס געוויין פון דעם וואָס דערקענט
איז דער וועלטס רוקן־ביין?

צי ביסטו ניט גאָטעניו, דו אַליין:
דאָס געוויין פון דער שאָף, ביים וואָלף אין די ציין?

ו

דאָס געוויין פון דער שאָף, ביים וואָלף אין די ציין;
איז דאָס דער זין און ציל געווען?
איז דאָס דער דין, פאָראויס פאָראויסגעזען,
אין עין תחת עין; שן תחת שן?...

שטראָף מיך מערער נאָך, אָ—גאָט!
אויב איך בין דער וואָס האָט, אין שלאָף אפילו,
אין אָט דער אור־אור וואָר־אידיליע—
געזען טאָטאַלן וועלט־באַנקראָט.

פלאָג!—אויב איך בין דער וואָס האָט אַ האָר
פון וועלט־וואָר אָפּגעקערט, דיין צלם אין מענטש צעשטערט;
ביז שפּאָט—יעדע שעה פון יעדן טאָג און יאָר—
געמעקט דיין אָנזאָג אַף דער ערד.

און דאָך—די שאַנד איז מיין און אויך דער יאָך;
און מערער נאָך—דער בראַנד און בראָך.

דריי שעפסן

דעם אַנדיינק פון צינבערג, דובנאָוו און קולבאַק,
דאָס הײליק האַרט־געוועק,
וואָס איז, אונטערן קעפערס האַק —
געוואָרן סימבאָל פון "צדק".

ביים ברעג פון טייך — אַ קעניגרייך;
אַ חורבהלע, אַ שטיבעלע פאַראַנען.
זענען דאָרט, ביים שטיבעלע, דריי ברידערלאַך געשטאַנען —
איינער האָט מיט בלייכע הענט געשאַרט דאָס גאָלד פון זונען;
דער צווייטער, פון דער זון פאַרברענט, געגראָבן האָט אַ ברונען —
דער דריטער האָט אַף שוואַרצע ווענט געצייכנט רויטע פאַנען...
און — דער טויט האָט זיי אַלע דריי אַריינגעלאַכט אין פּנים.

א

נאַכט — אַף זילבער־ווייסע וואָלקנדלאַך,
באַגעגענען זיך סוף און אָנהויב — אויג אַף אויג...
ווי דער שטערן־וועג אין הימל־בויג,
פּאַטאַל — און וואונדערלאַך.

אַזוי ווי בערגלאַך דרימלענדע אַאולן,
אין אַ האַרבסטיקן באַגינען —
קומען אויף און אַנטרינען,
סטאַדעס שאָף — אין אַזור געמאָלן...

אַ געוויש פון טראַמפּלענדיקע טריט,
ווי פון ווייט־גאַלאָפּירנדיקע פערד...
וויקלען אויף אין מיין געמיט,
דאָס געשטאַלט פון מיין חבר אַף גאָטס ערד.

און די ערד איז פול מיט גזר און דין;
און ער — דאָס געשטאַלט פון גאָט דערין.

ב

און ער — דאָס געשטאַלט פון גאָט דערין —
מדבר־שטורעם פון צפון ביז דרום...
קעגן אויסגעשטרעקטן נמרוד־אָרעם,
פון טאָרקווועמאַדע — ביז צו דעם יאַגאָדאַ־מין.

דער אָרעם גרייכט אויך מיך אין דרימל;
אַ געשאָכטענע לאַם — אַ מתנה מיר גיט ער...
און — ווי דער ים בעת אַ געוויטער —
וויגט זיך איבער מיר דער הימל.

און דער הימל איז אַף צוויי צעשניטן;
רויטע טראָפּנס טריפן אַף דער ערד...
פּלוצים זע איך זיך אַליין אין מיטן —
אויג אויף אויג מיט גאָט און שווערד.

און גאָטס געשטאַלט ווערט גרעסער, גרעסער;
דער צער פון מענטש — ווי דער שאַרף פון אַ מעסער.

ג

דער צער פון מענטש — ווי דער שאַרף פון אַ מעסער;
אַזוי ווי אַ חלף בלאַנקט ער קאַלט און דין...
מיין חבר'ס פּנים צאַנקט דערין —
ווי אַמאָל, אין שול, קעגן היינגלייכטער דער כתר.

זײַנע אויגן — קאַלט און האַרט —
גליִען אויף, ווי פֿון תּהום'ן טיף...
די לבֿנה איז זײַן זעגל־שיף,
און ער — דער שיפֿער אין דער נאַכט.

זײַן פּנים לאַכט אַ שטום געלעכטער;
זײַנע ליפּן — ווי צום ריידן אויפֿגעמאַכט...
און עס קלינגען אין די אויערן מיר ווערטער —
שפּעט בײַנאַכט, פֿון וואַלד אַהיים געבראַכט:

„גוטער, שלעכטער — ווער איז דער גערעכטער?
די טריט פֿון צײַט, זיי זענען די וועכטער..."

ד

„די טריט פֿון צײַט, זיי זענען די וועכטער..."
מײַן חבֿר'ס קול איז מיר אין שלאָף באַקאַנט.
און — עס פּאָכעט אויף אין מיטן וואַלד אַ האַנט: —
„מענטש! שטײַג איבער די קעפּ פֿון דײַנע שעכטער..."

און איך האָב געשטיגן; און איך האָב געזען:
דרײַ שעפּסן שטיין אין וואַלד בײַנאַכט;
איבער זיי האָט זיך דער הימל אויפֿגעמאַכט —
און ס'איז דער הימל זיי אַ היים געווען...

נאָר די נאַכט האָט זיי אין זיך פֿאַרשלונגען;
די טויערן צום הימל צוגעמאַכט...
און אין וואַלד זענען אויסגעוואַקסן יונגען —
דרײַ, פֿון איין מוטערס טראַכט.

און וואַלד איז געוואָרן באַהעלטעניש פֿאַר וואָרט;
און נאַכט — ס'פֿאַרהעלטעניש פֿון גוואַלד און פּאַרכט.

ה

אוּן נאַכט — ס'פאַרהעלטעניש פוּן גוואַלד אוּן פאָרכט —
האָט די לענדן פוּן די יוּנגען אָנגעגוּרט...
אוּן וואַלד האָט געזען פאַרלענד אוּן געבוּרט —
אוּן ווי נאַכט האָט זיך מיט מאַכט געפּאָרט.

אוּן וואָרט האָט זיך געקייקלט פוּן מויל צוּ מויל:
אַ רויטער קנויל — אין חשכות פוּן דער נאַכט;
אוּן מענטש — זיינע אינגעווייד אויפגעמאַכט —
האָט געשלוּנגען וואוּנדער אוּן גרויל.

ביז דער וואַלד האָט די יוּנגען אויסגעשפּיגן,
ווי דער ים שפּייט אויס, וואָס נישט אים געהערט...
אוּן נאַכט האָט געזען אוּן געהערט אוּן געשוויגן —
ווען מענטש, האָט מענטשן־רעכט פאַרשוועכט.

אוּן ווען מאַכט האָט געצויגן איר שווערד פוּן שייד;
האָבן דריי יוּנגען זיך מיט וואָרט געשיידט.

ו

האָבן דריי יוּנגען זיך מיט וואָרט געשיידט;
איינער האָט וואָרט פאַרביטן אַף שווערד...
דער צווייטער, וואָס אַקערט אין שוויים די ערד —
טראָגט עס נאָך איצט אין זיין אינגעווייד.

אוּן ערגעץ וואו, ווי אַ הויפן ברוך אוּן זשאַווער,
אַף אַ קויטיק טוּרמע־בעט —
אַ פאַרגעסענער אין היך־העך־פלעט...
ליגט דער דריטער: מיין חבר.

ער חלומט ניט — דער אָדלער אין די הימלען,
אַ פאַרוואונדעטער צום אָפּגרונט פליט...
און דער אָפּגרונט איז פול מיט געקרייציקטע הימנען —
און מיט גייציקע קרייציקער־טריט.

נאָר ווען נאַכט האָט געשניטן איר לעצטן שניט —
האָבן דריי שעפסן פאַר איין וואַסערל געקניט.

דער בלאָנדער רייטער

מיין חבר אלטער עסעלין — אַ מתנה.

ווער עס זוכט דעם אמת ניט בייטאָג, אין וואָר־געדאַכט,
געפינט אים ניט אין חלום אויך, ביינאַכט...
און אינם לאַנד פון טויטע, אויסגעלאָשענע חלומות —
איז די וואָר אַליין, ס׳געווין פון ניט־דערשאָכטענע בהמות.

א

אינם קעניגרייך פון וואָרט און קלאַנג
גייט מיין ביינקשאַפט אויף ווי מאָרגן־טוי;
דער בלאָנדער רייטער אינם הימל־בלוי,
גייט נאַכט נאָך נאַכט אַף לבנה־פאַנג...

די לבנה איז יונג — אַ גאָלדענער פיש;
דעם רייטערס גוף איז אויך אַזוי...
און טויזנט־אויגיק איז דאָס מיידל־פרוי,
וואָס רייט אין שלאָף, אַף אַ פלעדערוויש.

דאָס מיידל רייט — און ער נאָך איר;
איבער זיי — אַ פייערדיקער רעגן־בויגן...
און פיילן־בויגיק בלענדן אָן אַ שיעור
יענע־וועלטן אויף פאַר זיינע אויגן.

און דער רייטער איז געפלויגן און געפלויגן —
ביז ער איז פון יענער זייט הימל פאַרפלויגן.

ב

און — פון יענער זייט הימל פאַרפלויגן,
זעט ער אַ פּאַלאַץ מיט גאָלדענע שטיגן;

און אַף די גאָלדענע שטיגן ליגן —
אַלע די, וואָס זענען דערפלויגן...

פּאַר זייערע פּיס — צעריסענע תּורות;
אַף זייערע ליפּן דערגרייכונג רויט...
און, איבער זיי, פון אַ גאָלדענער רויט —
טריפט דאָס בלוט פון אַלע דורות.

און דאָס בלוט פאַרוואַנדלט זיך אין טינט;
פון טינט ווערט אות — און אות איז וואונדער...
און דער רייטער האָט געזען ווי עס רינט —
בלוט, פון יעדן אות באַזונדער.

דאָס בלוט האָט געפליצט איבער גאָר דער וועלט;
און דער רייטער האָט די אויגן זיך פאַרשטעלט.

ג

און דער רייטער האָט די אויגן זיך פאַרשטעלט;
דאָס בלוט פון וואָרט נישט געוואָלט זען...
איז דער נס אַ צווייטן מאָל געשען:
וואָרט, האָט אין האַרצן אויפגעהעלט.

און דאָס מיידל איז אין חלום פאַרשוואונדן;
די לבנה — אין אַ וואָלקן זיך באַהאַלטן...
און דער רייטער האָט דערזען געשטאַלטן —
ווי זיי וואָלטן אין אים זיך אויפגעבונדן.

און ער האָט געקוקט; און ער האָט געזען:
אַ קאָפּ שווימט אַרום אין אַ ים פון טינט...
און אַ טויטע צונג, אַף אַ שטאָלענער פּען —
פלאַטערט ווי אַ רויטע פאָן אין ווינט.

און די פּען האָט געשריבן דורך דער „פּאָן",
„וואָס דו האָסט געטאָן — ווערט דיר געטאָן ..."

ד

„וואָס דו האָסט געטאָן — ווערט דיר געטאָן".
דער רייטער דערקאָנט נישט זיין אייגן לשון...
אים דוכט זיך דאָס רעדט עוג מלך הבשן,
אין אַנדערע קליידער איבערגעטאָן.

נאָר ניין — דאָס איז נישט קיין אַנדערער;
דער, וואָס האָט ווי ער דעם טויט געזען —
און איז אַליין דער טויט געווען...
זעט זיך אין געשטאַלט פון אייביקן וואַנדערער.

און דער וואַנדערער איז אַלט;
זיין פּנים — געקנייטשט און פול מיט קאַרבן...
נאָר זיין בלאָנד אינגל־געשטאַלט,
גייט אויף פאַר אים אין טויזנט פאַרבן.

און די פאַרבן בייטן זיך — פון בלאָנד אַף רויט;
ביז דער רייטער זעט: פאַר אים שטייט דער טויט.

ה

ביז דער רייטער זעט: פאַר אים שטייט דער טויט;
זיין אייגן פּנים ער האָט דערקאָנט...
און די וועמענס חלום ער האָט געמאָנט —
זיי גראָבן אַ קבר פאַר אים נעבן פּלויט.

זיי דעקן אים צו מיטן זיידנעם טלית —
און זאָגן אים: „רו, אין אַ גוטער שעה...״
נאָר אים דוכט זיך אין טלית איז דער זיידע דאָ —
ווי אַמאָל, ער זיצט און פּסקנט שאלות.

און אים ווערט גוט נעבן פּלויט אַזוי צו ליגן
און די רייד פון ווילדע גראָזן הערן;
און אים ווערט גוט פון טויט זיך לאָזן וויגן —
און וויגנדיק, אַליין אַ גרעזל ווערן.

ביז דער טויט גייט אויף אין אַלע זיינע גלידער,
ווי דער קלאַנג פון לאַנג פאַרגעסענע לידער.

ו

ווי דער קלאַנג פון לאַנג פאַרגעסענע לידער,
גייט אויף פון דער נידער זיין יעטווידער טראָט...
און ווי מ׳פירט אַ פאַרמשפּט׳ן צום עשאַפאָט —
ער פירט זיין גורל מיט זיך, אַ מידער.

נאָר די ערד איז קילעכדיק און מוטער־גרויס;
און די אייביקייט ציילט טויזנט יאָר — אַ טאָג...
און וויפיל מאָל אים האָט באַגעגנט גאָטס פּלאָג —
זי שלינגט אים איין און שפּייט אים ווידער אויס.

בלויז דער מאָרגן־שטערן, אויבן, בייט נישט זיין קאָליר;
ווי נעכטן — ער שיינט אויך היינט פאַר די אויגן...
פּלוצים שטייט ער פאַר זיין טאַטנס טיר —
אַ וואַנדערער, אַן אַלטער, איינגעבויגן.

און די טיר איז אָפן — אַ האַנט דערלאַנגט אַ גראָשן;
און — דער מאָרגן־שטערן, אויבן, האָט זיך אויסגעלאָשן.

דאָס געזאַנג פון מיינע איין און זעכציק יאָר

דעם אנדיינק פון מיין אויסגעהרגעטער
משפחה — אַף דער אוקריינע.

א

מיט וויפיל רינגען רינגלט מיך אַרום דאָס לעבן,
אַז יעדער טראָט זאָל ווערן דלאָט אַף מיין געביין?
די געלע ציין פון האַידראַמאַק וועלן אייביק פאַר די אויגן שטיין —
און די אויסגעשטעלטע באַק וועט אייביק פאַרגעבן.

נאַכט קומט אָן — איך בלייב מיט זיך פאַריגלט אונטער ריגל;
און — ווי אין שפיגל, וואָס הייגגט אַף אַ נאָגל —
איך זע זיך נאָכאַמאָל פון וויגל ביז וואָגל...
און ווייל איך שלינג טראָפּנס פיין — איך ווייס: פיין איז זיגל.

אָ, זיסער יוגנט־ווייז, וואָס גייט אויף איבער די ברעגן;
קאָרן־גאָלד, וואָס איז רייף צום שניטערס שניט...
אַף אַלע וועגן קומט איר מיר איצט נאָכאַמאָל אַנטקעגן,
מיט זין און מיט זיין — און מיטן פיין פון אַלע שטרויכל־טריט.

קלאָר — ס'איז געבאָט אַף נייבאַני, וואָס פאָרט צדיק מיט הור;
רוף עס גאָט, רוף עס אשמדי — רוף עס אָן נאַטור.

ב

רוף עס גאָט, רוף עס אשמדי — רוף עס אָן נאַטור;
סיי ווי סיי איז עס דער זאַט, אין מענטש ווי אין בוהאַי...
אַמאָל איז עס געבאָט פון שעה, אַמאָל — אַ שטיפעריי;
נאָר אַלע מאָל איז עס לגנאי דער קאַי און שפּאַר־קולטור.

און אַלעמאָל איז עס פון ס'ניי זיך שטעלן צום נסיון;
(ווייל אַלעמאָל איז נאָכאַמאָל כדי דאָס מזל פּרואוון...)
אויב ניט שמעון און ניט לוי ט'אפשר גאָר ראובן
הערן אינם שבט־שטאַם די חיה רעה וואָיען..?

און אפשר איז גאָר יוסף'ס חלום: „שטערן, סנאָפּעס זאַנגען" —
דער פולער טאָפּ מיט זיבערקייט — טאָטאַלער טרוים פון שלום...
און די פרייע וואַנדער־לוסט: די פאַסטעכער־געזאַנגען —
וועקן אויף אין מענטשנס ברוסט דאָס פאַרקערטע פּנים?

אָ, אינגל־זיסער שלאָף־געטראַנק: רוף — אין נאַרן־כאָר;
דער מינדסטער קלאַנג וועקט אויף פון שלאָף, די שלאַנג — די וואָרע וואָר.

ג

דער מינדסטער קלאַנג וועקט אויף פון שלאָף, די שלאַנג — די וואָר וואָר.
און יעדער דראַנג אַנטקעגן — איז צוואַנג, אַף זיך געטריבן...
מענטש־באַרוף און גוף־באַגער, מיט בלוט און טרער פאַרשריבן —
ווערן אומפאַרענדיקטער מיט יעדן טאָג און יאָר.

מיט יעדע שעה ווערט ערגעץ וואו אַנאַנדער ברוט געבוירן;
און מיט יעדן טראָפּן בלוט — אַ שפּאָגל נייער גואל...
איין וואונדיק־רויטער וויקל־שנור: „האַווירלע און יואל" —
און אונטער זיי יעדער שפּור פון אויסלייזונג פאַרלוירן.

עס קייקלען זיך סעקונדעס אויף — פון רגעס ווערן יאָרן;
גאָט און מענטש אין דעפּראָפּונדוס, טאָג נאָך טאָג פאַרפרעמדערט...
און וויפיל מאָל מ'וועט פון ס'ניי נאָך שאַלן אינם האָרן —
פון בראשית דער „כי טוב" — אַ האָר ווערט נישט געענדערט.

ס'איז רוטין פון גזר און דין, דער סאַמע זין פון לעבן;
און גרויע האָר פאַרבן גרוי די העלסטע מאַרך־געוועבן.

ד

און גרויע האָר פֿאַרבן גרוי, די עלטסטע מאַרך־געוועבן;
און פֿאַר יעדן טראָפּן טוי — אַ שטיין אַפֿן געוויסן...
ווי וואויל איך האָב זיך אויסגעלערנט געניי אַזוי צו וויסן,
פֿאַר יעדן ביסן ברויט אין מויל, פֿון ס'ניי זיך אונטערגעבן.

ווי שנעל איך האָב זיך צוגעוויינט דעם אימפּעט מיינעם צאַמען;
אָפּליגן אַ נאַכט אין קימפּעט — ביים געבורט פֿון לידער...
און מיט סם אין אַלע גלידער אויפשטיין מאָרגן ווידער —
די זאָרגן פֿון אַ נייעם היינט מיט די פֿון נעכטן גראַמען.

ס'האָט די נויט מיך אויסגעלערנט אַ באַרשט אין האַנט צו האַלטן;
און פֿאַר אַ שיסל וויער־קרויט מיט שווערער מי באַצאָלן...
ווי אָפט מיר ציטערן די קני, צווישן ברעטער־שפּאַלטן,
ביים הייגנען אַף אַ דרויסן־וואַנט מיט ביק און ביר באַמאָלן.

ווי אָפט איך קוק אַראָפּ און טראַכט: טויט — פֿון אַלע זייטן;
מיט וויפֿיל פּעדעם פּעדעמן זיך לייט מיט לייטן..?

ה

מיט וויפֿיל פּעדעם פּעדעמן זיך לייט מיט לייטן?
מיט וויפֿיל ציטער קניפּן זיי די פֿליטער־פֿלאַטער־קנופּן?
און וויפֿיל שטופּן גייען דורך ביז וואַנען זיי דערשטופּן,
די חלום־דינע שפּליטער־האָר זאָל אַף וואָר זיך בייטן..?

איבער העכסטן טרוים שטייט מענטש — גאָט־עקוויוואַלענט;
און נידריקער ווי די פֿון סדום — זיינע מאַרך־קאַפּריזן...
אָ, ווער קאָן מעסטן דעם תּהום פֿון מענטשנ'ס האַרץ און דריזן,
מיט דער מאָס פֿון ברודער חם, זיין הפקר־וועלט טאַלענט?

ווער קאָן שטעלן זיך אַליין אויבן אָן — צום מוסטער;
און צו וואַרפן אַ לעצטן שטיין דעם וואָס ליגט אין רינשטאָק?
ווער קאָן אויפּציִען זיין פּאָן אַף אַ פּאַס, אַ פּוסטער —
און מאַכן זיך און אַנדערע צו גלויבן ס׳איז אַ בינשטאָק?

ס׳אַראַ דינער תוהו־פּאָדעם — אָדם׳ס מאַרך־געבוי;
דאָס דינסטע איז דאָס פּעדעמל, וואָס בינדט מאַן צו פרוי.

ו

דאָס דינסטע איז דאָס פּעדעמל, וואָס בינדט מאַן צו פרוי;
און שטאַרקער פונם שטריק אַרום דעם האַלדז פון דעם נעגער,
איז דער טראָפּן גליק, וואָס בינדט דאָס ווייב צום מאַנס געלעגער...
פאַרוואָר: דאָס געוואָי אין מענטשנס לייב איז דער ערד׳ס געוואָי.

ווי ווייט איז דען פון סטילעט ביז צום דיכטערס פּען?
ווי ווייט איז דען פון וויסער בעט ביז נאַסער קופּע שטרוי...
און ווער שיילט אָפּ פון זיך דעם גלעט אפילו פון אַ גאַסן־פרוי
וואָס איז פאַר געלט, אין קויטיק גרעט, פאַר אים אַ ווייב געווען?

ווער קאָן אורטיילן אצינד אין סוף פון אַלע סופן?
יעדע זינד ווערט איינגעקריצט אין זינדערס יעדן אבר...
נאָר ווער קאָן אָפּטיילן דעם ריטם, אין אַ דיכטערס סטראָפן —
פון דעם אומרו, וואָס באַגלייט אים ביז צום סאַמע קבר?...

ס׳איז דער נעכטן ווי דער היינט — דער מאָרגן אויך אַזוי;
נאָר נעכטיק ווייב איז, ווי עס שיינט, נישט קיין מאָרגן־טוי;

ז

נאָר נעכטיק ווייב איז, ווי עס שיינט, נישט קיין מאָרגן־טוי —
און ביז איין טאָג פאַרן טויט — דער קאַמף פון געשלעכטער...

אָ, קיינער, קיינער הערט דאָך ניט זיין אייגן שטום געלעכטער,
ווייל אייביק איז דאָס נייַ־באַגערטע לויטער הימל־בלוי.

וויפיל לעבנס לעבט אַ מענטש ביזן פולן בעכער?
און וויפיל טויטן גייט ער דורך? (נאָך סוף קומט אָנהויב...)
ווי פיל זענען די שייטערן? מענטש — ווי זאַמד און שטויב...
נאָר שטויב וויל אויך זיך לייטערן; מענטש, וואָס העכער — פרעכער.

בעכער — צי פייער־פאַן, דער קרבן קומט אַ גרייטער;
כ'האָב אים געזען אינם פראָפאַן, צווישן די געוועלבער...
ער גייט מיר נאָך, שפאַן נאָך שפאַן, נאָך פון יעקבס לייטער —
אומעטום און אַלעמאָל, נאָכאַמאָל דערזעלבער.

ער איז אין חכם ווי אין קלאָון, אין נזיר און פאַרשייטן;
און בלאָנד און בלוי וועט אייביק דאָך אַזוי אַף גרוי זיך בייטן.

ח

און בלאָנד און בלוי וועט אייביק דאָך אזוי אַף גרוי זיך בייטן.
מיט יעדן נייעם „גוטע־וואָך”, אַ נייער רים אין קרן...
ווי גיך עס ליידיקן זיך אוים די זעקלאַך טרערן,
ביי דעם וואָס שטייט מיט ביידע פיס אינם בייט פון צייטן.

ווי שנעל עס גליטשן זיך די יאָרן; טעג — ווי רעגן־טראָפּנס...
איך פרעג: ווער קריצט די וואָר אַזוי קלאָר אינם ליגן?
לעבן פלייצט מיט שפּיל און רייץ — און אַלע רייצן רעגן;
און פרייד וועקט אויף די דינסטע רייד ביים גוסס צעקאָפּנס.

נאָר וועלכע רייד פאַרצירעוועז אַ קריעה־ריס אין האַרצן?
און וועלכע פרייד קאָן קירעווען קאַפּריז אין ווילן?
אומעטום איז עס די פרוי — אין ווייסן צי אין שוואַרצן;
און אומעטום וועט אַזוי דאָס שפּיל זיך איבערשפּילן.

יאָ, אומעטום גליט און בליט די קדושה פונם זאַטן...
מיין אומרוהיק געמיט — ירושה פון מיין טאַטן.

ט

מיין אומרוהיק געמיט — ירושה פון מיין טאַטן.
זיין געזיכט: ביין און הויט — מיד און פאַרמאַטערט —
אויגן בלוי, ליפן רויט; און ווי אין חלום פלאַטערט,
אַ געדיכטע בלאָנדע באָרד אַף אַ פּנים, אַ מאַטן...

ער האָט זיין יאָך געטראָגן שטאָלץ — געהאַט אַ הויכן שטערן;
און ליב געהאַט אין האַרטן האָלץ מיטן דלאָט צו שניצן...
אָט זע איך אים: ביינאַכט ביים וואַנט, נעבן טישל זיצן;
און ווי פון זיך — אונטער זיין האַנט — לייבן, הירשן ווערן.

איך האָב מיין טאַטנס פרייד צעשאָטן אַף שטאָטישע אַלייען;
כ'האָב זיין אומרו איינגעקנאָטן אין שטויב פון אַלע שליאַכן...
ווער קאָן אָפּשטעלן די וואונדער־פליט ביז דער האָהן וועט קרייען?
און דאָרט וואו דער בעל תשובה שטייט ווער קאָן גרייכן?

אַריבער אַלע שטרויכל־טריט, איבער אַלע על חטא'ן —
אַזוי ווי רייפער קאַרשן־בליט מיין מאַמעס לידער גלעטן.

י

אַזוי ווי רייפער קאַרשן־בליט — מיין מאַמעס לידער גלעטן,
און ווידער פאַלט פון בוים דער צווײַט, ווידער פאַלט דער שניי;
און די מאַמע זינגט — לעהיי: אין וואַלד דער סאָלאָווײַ —
שפּעט ביינאַכט ביי דעם געניי; פאַרטאָג, ביים ברויט פאַרקנעטן...

ס'איז איר פּנים בלייך און דאַר — בלויז די אויגן בלישטשען;
און קליין איז זי ווי אַ קינד וואָס שפּילט זיך מיט אַ ליאַלקע...

מיין טאַטע איז דער שטורם־ווינט, די מאַמע — די רוסאַלקע;
און ווער עס האָט אַן אויער הערט אין שטוב דעם דלית סוויסטשען.

און ווער עס האָט אַן אויג קאָן זען: צוויי שמעטערלינגען
פלאַטערן אַנטקעגן זון מיט אָפּגעהאַקטע פליגל...
און ווער עס וויל קאָן פאַרשטיין מיין טאַטנס טרערן־שלינגען,
בעת מיין מאַמעס טרויער־ליד — ביינאַכט איבערן וויגל.

און עס וואַקסן קוטשעראַווע, זשוואַווע, בלאָנדע יאַטן:
שוועסטער, ברידער — ביז אַמור... די וואָר האָט נישט פאַראַטן.

יא

שוועסטער, ברידער, ביז אַמור... די וואָר האָט נישט פאַראַטן.
פון דער אַנדערער זייט טייך, אין וועלדל, ביז קאַיאָרן —
אינגל, מיידל — וואונדער־שפּראַך... באַהעלטעניש אין קאָרן;
פון דער אַנדערער זייט טייך — שפּאָרן און סאָלדאַטן...

אַ שווערער סקריפּ פון אַ טויער, לויער — פויער־כאַטעס,
נעבן טעטעראַוו אַ מויער; נעבן וואַנט — אַ וועכטער;
שטייט ער מיט אַ ביקס אין האַנט, נעבן פענצטער הערט ער —
ווי אַ אינגל זינגט זיין מאַמעס לידער אונטער גראַטעס...

פון דאַנען הויבט זיך אָן דער וועג; איך אין ריי דער קלענסטער;
ווי פאַנטאַנען — טעג נאָך טעג: אויפשטייג און דערנידער...
און פון אונטער טיר און טויער, אונטער יעדן פענצטער —
הילכן ווידער מיר אין אויער אָפּ מיין מאַמעס לידער.

מיין מאַמעס לידער אין מיין בלוט; מיין טאַטנס וואָר — מיך זעטן;
איך ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און שרייב נאָך אַלץ סאָנעטן.

יב

איך ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און שרייב נאָך אַלץ סאָנעטן,
און וויפיל נאָך מיר איז באַשערט דורך וואָרט מיין אומרו שטילן?
און וויפיל טעג און וויפיל נעכט איך וועל אין וואָר זיך הילן —
מיין זיידע האָט ביז הונדערט יאָר געשריבן קווינטעטן...

ער האָט געלעבט ביז הונדערט־צען — געווען דער עלצטער חזן;
שפעט ביינאַכט איבער די נאָטן, ווי אַ ווייסער מלאך,
נעבן אַלטן פאָרטעפיאַן — אָפּגעקויפט ביים גלח —
האָט ער שטיקער „איך" געקנאָטן אין פאַלן און אין פאַזן...

ער איז געווען אַ שטריינגער ייד — אַ דאַרער און אַ הויכער;
ווי קלוג עס איז געווען זיין בים: „בית מדרש גייט אויף סכאָדקעס..."
און איך — ס'איז דאָס גרונטעווען זים יעדן יונגן טויבער —
פושקין, לערמאָנטאָוו און פרוג... ביז פאַרטאָג אַף לאָדקעס.

ס'האָט מיין זיידע זיך פאַרשפאָרט די דאָן קיכאָט־געפעכטן...
איך: כ'ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און מאָרגן, ווי נעכטן.

יג

איך ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און מאָרגן, ווי נעכטן;
ביזן לעצטן טראָפּן פרייד — באַך אין אַלע טאַצן...
און וויפיל רייד איך האָב געהערט פון טרוימער און פּאַיאַצן —
איך קאָן נאָך אַלץ ניט אויסשיילן דאָס גוטע פונם שלעכטן.

איך קאָן נאָך אַלץ ניט אויסטיילן דאָס מוספות פונם קרן;
אָפּטיילן דאָס רוחניות אין מענטשן פון זיין חומר...
ווי אָפט איך זע זיך, אין גערעכט, דעם אויסגעלאַכטן טרוימער,
וואָס גייט אַרום אין האַלבער נאַכט און קלייבט דעם מענטשנס טרערן...

דעם מענטשנס טרערן — יאָ, געווים; דער עיקרביים רייכן;
די וואָס טאַפּטשען מיט די פּים ווערן טרערן־שיכור...
און ווער קאָן וואַכן איבער ווערים, ווער קאָן איבערמאַכן
דעם, וואָס טראָגט אין די גערערים זיינע אונטערדריקער?

סאַראַ דינע טרוימען־בריק — פון שקר צום גערעכטן...
— בלאָנדע האָר און גרויע האָר אין וואָרער וואָר זיך פלעכטן.

יד

— בלאָנדע האָר און גרויע האָר אין וואָרער וואָר זיך פלעכטן.
און ווער וועט אינם אויפגעיערטן ליד מיינעם דערקאָנען
דעם ייד, וואָס פאַרבט — ביזן טויט — אַף רויט אַלע פאָנען?
ווער וועט אויפמאָנען פון קנעכט מיין חלום דעם פאַרשווועכטן?...

פאַראַן מסתם אַזאַ מין גבורה, טיף אין מענטשנס האַרצן,
וואָס צווינגט נאָך און נאָכאַמאָל זיך מיט צייט פאַרמעסטן...
ווי ווייט איז פון עבודה זרה — ביזן העכסטן־העכסטן?
איין שפּאַן — און מ׳זינקט, אין אָפּגרונט אינם שוואַרצן.

נאָר וויפיל יאָרן ס׳איז פאַרגאַן אין געשפּאַנטן וואַרטן —
אַזוי פיל וואָרן נאָך פאַראַן אינם נישט געאַנטן...
און קלאָר און קלאָרער ווערט פאַר מיר: דעם חלום, דעם געגאַרטן —
אים האָבן אויסגעחלומט נישט די וואָרט־פּעדאַנטן;

אים האָבן אויסגעיאָמערט די, וואָס קאָנען זיך בלויז געבן...
מיט וויפיל רינגען רינגלט מיך אַרום דאָס לעבן?

טו

מיט וויפיל רינגען רינגלט מיך אַרום דאָס לעבן?
רוף עס גאָט, רוף עס אשמדי — רוף עס אָן נאַטור...

דער מינדסטער קלאַנג וועקט אויף פון שלאָף די שלאַנג — די וואָרע וואָר;
און גרויע האָר פאַרבן גרוי די העלסטע מאַרד־געוועבן.

מיט וויפיל פעדעם פעדעמען זיך לייט מיט לייטן?
דאָס דינסטע איז דאָס פעדעמל, וואָס בינדט מאַן צו פרוי...
נאָר נעכטיק ווייב איז, ווי עס שיינט, נישט קיין מאָרגן־טוי —
און בלאָנד און בלוי וועט אייביק דאָך אַזוי אויף גרוי זיך בייטן.

מיין אומרוהיק געמיט — ירושה פון מיין טאַטן;
אַזוי ווי רייפער קאַרשן־בליט — מיין מאַמעס לידער גלעטן...
שוועסטער, ברידער — ביז אַמור — די וואָר האָט נישט פאַראַטן,
איך ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און שרייב נאָך אַלץ סאָנעטן.

איך ווער היינט איין און זעכציק יאָר — און מאָרגן, ווי נעכטען:
בלאָנדע האָר און גרויע האָר, אין וואָרער וואָר זיך פלעכטן.

צווייטע טייל

בלעטער אין וואַלד

לידער, פּאָעמען —
אין האַרצן געטראָגן;
געפּרוּווט אין אַ קרעמען
וואָרצלען פאַרשלאָגן . . .
נישטאָ באַלד פאַר וועמען
ווידוי צו זאָגן.

גאָט פון אברהם

(אַן ענטפער אַף אַ בריוו.)

וואָרט — טראָפּן בלוט, אַף שריט און טריט,
ווי אָפּגעבליטער צוויט, וואָס קיינער דאַרף עס ניט...
לויטן קב הישר — אי דאָ, אי דאָרטן —
אַף בשר כשר געשאָכטן.

ליבער קאָלעגע און חבר —
דיין בריוו האָט אָפּגעפרישט דעם זשאַווער אַף מיינע ברעמען
און אויפגעמישט, אינם בוך פון מיינע טאָג־חלומות,
(שימות געקליבענע פאַר וועמען?...) אַ ניי בלעטל
גוט, סיי ווי סיי איז דאָס חשבונות־צעטל פול און פאַרעלטערט...
און ווי איינער, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געשעלטערט אין אַ הייל —
און פלוצים, ווי פון אַ קנויל זיך אויסגעפּלאָנטערט,
אַזוי טראָג איך אַצינד די בײנקשאַפט נאָך וואָרט אין מויל.
ס'ווילט זיך ריידן און ס'איז נישטאָ פאַר וועמען.

דיינע רייד —
האָבן אָפּגעווישט דעם שטויב פון מיינע דילן
און אויפגעדעקט דעם תל־תל פון דורות נישט־דערצילטע צילן...
(אינם הויז פון מיין זעל,
וואו ס'פּלאָנטערן נאָך איצט די עכאָס פון מיין טאַטנס וואָר־געקנעל —
זענען דיל און שוועל: אָרב פון נישט־דערבײנקטן,
אין ימים בלוט פאַרשווײנקטן —
אין זעלבסט־האָס און אין וועלט־העסלאַכקייט אויסגעקרײנקטן ווילן...)
האָב איך ווידער אָנגעטאָן די וואָכעדיקע ברילן;
און ווי אַ מויז, וואָס איז אַף אַ פולער־וואָך פון לאָך אַרויסגעקראָכן,
נאָכאַמאָל דערזען· אין גרויען אינדערוואָכן —
דאָס סדום־בעטל, וואָס שטייט מיר תמיד פאַר די אויגן...
און — ביזן דנאָ, דעם בעכער אויסגעזויגן.

איצט, ליג איך בטחון־שיכור אַפֿן דיל אויסגעצויגן —
און טראַכט, דער עיקר, וועגן דיכטער און דיכטונג: אומקום און נצחון;
און פֿון דעם, וואָס דאָס גאָלדענע שטייגל איז אַף אַן אמת שוין צעבראָכן...
און דער שפּיל־פֿויגל איז נאָך אַלץ נישט אַוועקגעפֿלויגן.

איך טראַכט וועגן וואָר־וואָרט אַף די געזיכטער
פֿון עדעלשטאַט, באָװשאָװער, ראָזנפֿעלד און ליעסין,
דאָס יידיש ליד, וואָס איז דורך אַלע וואָגל־וואַנדער ביז צו מיר געקומען...
און פֿון דעם, וואָס דער נאָמען דיכטער איז געוואָרן אָנרעגער און צוימער,
אינם האַרץ פֿון נאָך אַ וואָר־פֿאַרליבטן טרוימער,
וואָס האָט דעם גרויסן וואַלד ניט פֿאַרזען אונטער די קליינע בוימער...
גאָט! סאַראַ רויט און פֿיאָלעטן ליכט
עס האָט אַ שלאָג געטאָן מיר אין געזיכט —
ביים אויפֿגיין פֿון מיין אייגן ערשט געדיכט.

אָ, גלויב: נאָך מער ווי עס איז פֿאַרן בלינדן קאַפּריז,
דאָס דיך־דיכטערישע וואָרט־באַשייד —
פֿרעמד איז מיר חניפֿה־רייד און נישט־פֿאַרדינטע לויב...
און אויב ס׳איז שווער צו אָפּלעבן אַ לעבן פֿון אַ שטומען —
איז צען מאָל שווערער נאָך, מיט אויפֿגעפּלאַצטן וואָרט אין גומען,
ווי מיט אַ מום — צום פֿרעמדן טיש צו קומען.

גלויב: אַז ווי דריי מאָל דריי איז דרייצן —
אַזוי איז וואָרהאַפֿטיק די וואָר פֿון די,
וואָס טראָגן זי פֿון הויז צו הויז אַף טאַצן...
אַן אָפּגעפּליקטע רויז אין די לאַצן.

גלויב: אַז איינמאָל שטויב — איז תמיד שטויב;
און ווער ס׳איז טויב צום וואָרט, פֿון האַרץ אַרויסגעריסן —
איז אויך טויב צו זיין אייגענעם געוויסן.

ווי וואויל מיר איז באַקאַנט דאָס שעפּסן־פּעלכעלע;
דאָס פּיקאַנט שמייכעלע אין לאַנד פֿון די חכמים...
ווייס: פּשטות האָט צוטרוי בלויז צו קינדער און נאַראָנים;
און אייביק, אייביק וועט דאָס פֿלאַפּלען פֿון אַ קינד
זיין פֿאַר מיר די סטרונע אַפֿן פֿידעלע אין ווינט...
און דער שטומער צער פֿונם נאַר — סימבאָל פֿון איש תמים.

צער — זשאַר און פֿייער־פֿונק;
אַל־שפּאַרנדיקער אָנוואונק —
דער גאַרנדיקער טרונק אינם דיכטערס ליד...
אָ, פּיין; רויטער ווייַן, וואָס ליכטיקט אויף אין מיין געמיט —
און פֿאַלט אַראָפּ, ווי אָפּגעבליטער צוויט, אַף שריט און טריט:
טראָפּנס בלוט, וואָס קיינער דאַרף עס ניט.

וואַן־זיסער, בלוט און האָניק־פֿליסנדיקער שוואַנען־בים;
דין־דיכטערשע לאַקאָניק — מיין טאָג־כראָניק —
קאַפּריז, וואָס ליגט ביי יעדן שאַרלאַטאַן אונטער די פֿים...
וויפֿיל מאָל מוז וואָרט ווערן מיאוס —
ביז ס׳קומט דער לעצטער רים?

וואָרט — אָפּקלאַנג פֿון סיני־חלום דעם אַלטן;
ווי זאָל איך דעם שטראָם דיינעם אין מויל פֿאַרהאַלטן?
און ווי זאָל איך דיך וואָרט אַזוי געשטאַלטן —
אַז לומפּ און הורן־זון זאָלן זיך אין מויזן־לאָך באַהאַלטן?

אָ, טעמפּ און איבערדריסיק ווידערווילן — קאַץ און מויז־שפּיל;
קאַמפּף קעגן ווינטמילן, וואָס גייט אויף אינדערשטיל,
ווי דאָס ביינאַכטיקע גרילן, אונטערן דיל —
אינם גורלדיקן אָנקלאָג פֿון דער גריל...

פּלאָג, וואָס איז געבאָט פֿון טאָג פֿאַר קיי און שפּיי;
שפּאָט, וואָס איז געוואָרן אָנבאָט פֿאַר לץ און ראָבאָט;

סיי ווי סיי איז גען און גאָט ביי זיי פון איין געקנאָט —
און סיי ווי סיי איז עס געזעץ אין מויל פון פּאַפּוגיי.

אַזוי ווי קנאַקניסלאַך, אין די הענט פון זשאָנגליאָרן,
אַזוי זענען רייד אין מויל פון פראַזיאָרן...
אַזוי זענען די לידער פון גרוי־געוואָרענע אַמאַטאָרן,
וואָס האָבן אין וואָרלאָזן וואָרט־קידער־ווידער זייער בושה פאַרלאָרן.

אָ, וואָרט וואָס איז געוואָרן „האָרן" פאַר כבוד גדול שטרייטן;
דאָרן־ליכט, וואָס פליסט איבערן מיסט פון שונד־אַקטיאָרנס נישטיקייטן...
ווי וואָלט איך דיך גערן אַף מעסער־קלונג פאַרבייטן —
און אויסשניידן די צונג, וואָס פעלשט דיין באַדייטן.

**
*

ווי אַ בוגרת אין אַ ניי סיצן קלייד;
אַזוי ציטערט אויף אין מיר די פרייד, ביים באַריר מיט וואָרט;
און — (ווידער שטעלט אַזוי ווי אַ קלאַון,
דער וואָס פּויקט אין באַראַבאַן, זיין אייגן האַרץ אין קאָן...)
דאָרט, וואו דער פּראָפּאַן האָט צען מאָל אויסגעשפּיגן,
זע — ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן — גייען אויף דעם דיכטערס רייד.

רייד — פּשוטע און פּאָרכטיקע;
אומעטום — אי דאָיקע אי דאָרטיקע...
די אַל־צייטיקע און אַל־אָרטיקע
קעל, וואָס ווערגט זיך און ווערט נישט דערוואָרגן,
איז אויך די שוועל צום לעצטן איבערמאָרגן.

וואָרט פון מיין אויפקום און אומקום־באַשטאַנד,
אין יעדן לאַנד — אין בראַנד פון מיין אינגעווייד געקליבן;
ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט דיך געפירט איבער דער וועלטס אַרכיוון —
ביסטו, אַף יעדער תפיסה־וואַנט, מיט מאַרטער־בלוט פאַרשריבן...

און — ווי אַ בייז־ווילּיק קאַטאָוועס, אַף זיך אַליין געטריבן —
אינם לאַנד פון די אבות, אין אונטער־גאַס פאַרבליבן.

אָ, בלוט, וואָס ווערט פאַרזאָטן ביים געשאַנק פון נדבות;
מוט, וואָס ווערט געטראָטן אונטער שטיוול־געבאָטן...
איבל, וואָס פרעסט זיך איין ווי אַ ראַק אין די געדערים,
ביז וואָרט ווערט אָפּפאַל־שפּייז פאַר מייז און ווערים...
און ליד: יידיש וואָר־דיכטונג — חרם.

אָ, וואָכעדיק, יאָכעדיק, קנאָכעדיק וואָרט;
נאַקעט, אויפגעאַקערט ליד,
וואָס זינגט אין מיר פון גוט־וואָך ביז גוט־וואָך...
איניינעם מיט דער מאַמעס מילך —
און מיטן בראַנד און בראָך־געהילך פון דער לעצטער געטאָ,
זינקט אין מיר דער סם־המות־שטאָך:
אויך אין לאַנד פון די סאָוועטן — אידיש־וועטאָ...
און מיט דער לאָך אין האַרץ פון זעקס מיליאָן אומגעקומענע;
און מיטן יאָך פון אַלע די, אין אונטערגרונד אַנטרונענע,
טראָג איך דיך — אין מיין יעדן ביין און גליד —
ווי מיין טאַטע און מיין זיידע דעם נאָמען ייד.

וואָרט פון מיין בלוט — גלוט פון מיין שטאַם;
גואל דם פון אַלע די אין דערנידער...
ווי דער ים טראָגט אום מיינע פאַרוואָרלאָזטע ברידער,
אַזוי טראָג איך דיך אום אין מיינע גלידער;
און ווי אַ מידער וואַנדערער באַטרעט אַ הייליק אָרט —
אַזוי גייט ווידער און ווידער אויף מיין געבעט צום וואָרט.

וואָרט —
וויפיל מאָל האָט אויפגעפלאַקערט רויט דאָס אָרט
וואו געלע לאַטע איז פאַר גאָט מיט דיר געשטאַנען?

וויפיל מאָל האָסטו געפּלאַטערט אַף די ליפּן פון מאַראַנען
אַל־צייטיקע, וואָס נישט זיי ווייסן, נישט זיי אַנען זייער סוף...
ביז וואַנען — מ׳טרייבט זיי פון דאָרטן און פון דאַנען, ווי סטאַדעס שאָף
אין פאַרהאַקטע באַנען — אין הונגער, קעלט און קויט;
און ווי די עלטער־עלטער־זיידעס זייערע אין שפּאַניע,
זיי שפּאַנען — צען־פאַכיק געלייטערטע — צום טויט.

אַ וואָרט וואָס קומט מיר אומעטום אַנטקעגן,
אַף אַלע מיינע וואַנדער־וועגן...
נאָך קלינגט מיר אין די אויערן דער טרויער־ניגון:
„הושענא למענך אלהינו הושענא" —
דאָס געשריי פון יענע וואָר־פאַרגלויבטע, וואָרט־פאַרליבטע עדה׳ס יידן:
לומדים, וואַסער־טרעגער, הענדלער אַף ירידן...
יידן, וואָס האָבן אַלעמאָל און אומעטום מקדש השם געווען מיט דיר —
פאַר דיר... און אין פייער און אין פלאַם אויסגעמאַכט פאַר מיר
טיר און טויער — צו איינזאַפּן, איניינעם מיטן טרויער און סם,
דעם דויער און דעם גלויבן פון מיין שטאַם.

וואָרט, וואָס קייטלט זיך פון רב שמעון בן יוחאי — ביז צו דעם אר״י;
מיט דער ליבשאַפט פון אַ גאָט־באַשווירענעם קנאָי,
טראָג איך דיך: אַ פאַנצער קעגן אַלע עבודה זרה׳ס...
וואָרט פון רב עקיבא — ביז יוסף דילי רינה;
און וואָרט, וואָס דערקייקלט זיך צו מיר פון רב לייב שרה׳ס...
וואָרט, וואָס איז אויסגעגאַן אין דמיון פון רב נחמן בראַצלעווער —
און וואָרט, וואָס גייט נאָך איצט אין נאָמען פון רב ישראל בעל שם...
ווי אַ קינד, וואָס האַלט זיך אָן אָנעם זיידנס פּאָלע,
אַזוי האַלט איך זיך אָן די רייד פונעם של״ה און די מעשהלאַך פון שפּאָלע;
אַזוי שפּאַר איך זיך אָן אָן דער שיטה פון הלל הזקן —
און אָן דער שליטה פון לוי יצחק באַרדיטשעווער איבערן סמך מם..
און כ׳ווער געגרויסט דורך דעם, און כ׳ווער געשטאַרקט דורך דעם.

ווייל גוט ביסטו! און שיין ביסטו —
אין אַלע אַראַבעסקן, גראָטעסקן און פאַסאָנען...

אָ, יידיש־חידוש־וואָרט,
אין אַלע דיאַלעקטן דיינע, לאַדינאָ־זשאַרגאָנען.

פון רש״י, בחיי, אבן עזרא און איבן גבירול —
ביז עמוס, ישעיה, יחזקאל און דניאל.
פונם רמב״ם, רמב״ן, בעלי התוספות און דעם זוהר —
ביזקל משה מענדלסאָנס נייעם ביאור...
פון יהודה הלוי'ס ציון־ליד —
ביזן משל פונם דובנער מגיד;
און פון יהודה לייב גאָרדאָן און אייזיק מאיר דיק —
ביז רייזין, יהואש, טשערניכאָווסקי און ביאַליק.

וואָרט, וואָס גייט אויף, אין אַלע מיינע רמ״ח אברים,
פון דבורה הנביאה ביז שרה בת טובים;
פון מיין טאַטנס שיעור אין נזיקין —
ביז מיין מאַמעס קוויקן זיך מיטן מעין טהור...
פון מיין באָבעס צאינה וראינה־שפּראַך —
ביז מיין זיידנס תשוקה צום תנ״ך;
און פון דער מאַרק־זיצערן אַפן יריד —
ביז „די קליאַטשע", „מאָניש" און „שווער צו זיין אַ ייד"...
פון די גלייכווערטלאַך פון אַ הערשל אָסטראָפּאָליער,
אַף די ליפּן פון יעדן שוסטער, שניידער, סטאָליער —
ביזן שיחת חולין, אין קלויזן און אין שולן, וואָלינער און פּאָדאָליער.

דו מיין לשון, דו מיין שפּראַך,
ביין פון מיין ביין, מאַרך פון מיין מאַרך...
מיט יעדן קנייטש דיינעם און בראָך —
מיין שבת, מיין יום טוב, מיין וואָך;
סיי אין דיין רעווען ווי אַ לייב,
סיי אין דיין וואָרקען ווי אַ טויב —
דו, מיין אַל־מאָליקער מאָראַל־דערהויב;
מיין גאָט־וועלט־מענטש־באַגלויב...
דער „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב";
דער „באַהיט דיין פאָלק ישראל, אין דיינעם לויב".

מיין האָב און גוט

וועלטן — פֿאַרהוילענע ווייט אינם עבר —
גייען אויף אין מיין דמיון.
ווי די אויפֿגעשלאָגענע געצעלטן אינם ספר דברים:
מאמרים — אין ספרים מיט פֿאַרגעלטן רש"י־כתב...
רעיונות — געקליבענע פֿון די צייטן פֿון רב —
דף נאָך דף, עמוד נאָך עמוד;
אַף אייביק און אַף תמיד אַף אַלטע פֿאַרמעטן פֿאַרשריבענע...
חלומות — ווי שימות געטראָגן אין אַ שטורעם;
לאַמטערנעס, אָנגעצונדענע אין סוף־חודשדיקע ווינטער־נעכט.

און, ווי ס'לעצט פֿאַרצווייפֿלטע געפּעכט פֿונם יונגן קאַסטיליאַנער —
(מאַראַנען־בלוט, וואָס פֿליסט אין זיינע אָדערן ביז צום ביסקיי־ציגיינער)
פֿאַרשוועכטע דאַטעס, לאַנג פֿאַרגעסענע;
לעצטע, אויסגעהויכטע אָטעמס — אונטער גראַטעס —
פֿון די: אָן זין, אָן ציל,
אַף קאַלטן דיל — אין מאַרטער־צעל, פֿון מייז צעפֿרעסענע...
זיי גייען אויף — איבער האָר און איבער קנעכט;
איבער פֿאַרשאַכערטן מענטשן־רעכט;
איבער קאַמפֿ וואָס איז באַשערט —
און איבער חלף וואָס שעכט...
פֿינגער — איינגעטונקענע אין בלוט:
דער וועלטס מאַרשרוט.

ואני — און איך יעקב;
מיין האָב און גוט, זינט מיין אָנקומען פֿון פֿדן ארם: אמונה...
די טויזנט־מאָל־טויזנט פֿאַרשפּיגענע „אבינו מלכנו"ס";
די אָנצאָל מאָל פֿאַרשוויגענע „שמע קולנו"ס"—
„שמע ישראל"ס!" אויסגעשריגענע;
אַגאָניעס פֿון טאַטעס און זיידעס,

און אַ לאַנגער חשכות'דיקער וואָגל־נאַכט,
וואָס אַ שד האָט אױסגעטראַכט —
זײ זענען די עדות.

זײ זענען די עכאָס פון תהומות ניט־פאַרשאָטענע;
פון צעטראָטענע — און װידער אױפגעקנאָטענע גלידער...
פון נאָך און נאָכאַמאָל אַנטפּלעקטן, אױפגעדעקטן נידער;
יעלה ויבא'ס — אַף אַ נישט־פאַרפלעקטער,
נאָך ניט־אױסגעמעקטער בײנקשאַפט —
צום תקיעת כף פון מײנע אבות אַף געטאָ־ענגשאַפט;
אַף ברידער־קברים... התרת נדרים —
אַף לאַנג־פאַרלאָזענע קלײן־שטעטלשע חדרים;
צוריק צום לעצטן פעסטונג־טורעם:
דער בנין — שלשה עשר עקרים...
צוריק צו דער שטילער שמונה עשרה —
צוריק צום ערשטן מנין.

דריי הונדערט

ווי דאָס ליכט פֿון דער לבנה, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט,
האָבן פּלוצים פֿאַר מיר אויפֿגעוואַכט:
פּנימלעך — איינגעפּאַסט אין זילבערנע ראַמען...
דריי הונדערט קינדערלעך, אין טויט־וואַסער צוזאַמען.

די גופֿימלעך — אין טרפֿות אויסגעהונגערט;
אין פֿויערישע כאַטעס, צעטיילט און אָפּגעזונדערט...
אין נע ונד, צום שמד געגרייט — שטייען זיי:
דריי הונדערט — קעגן ווינט און שניי.

ווי די עלטער־זיידעס, אַף די שייטער־פֿלאַמען —
זיי גייען אויף פֿאַרוואָרלאָזטע, אָן טאַטן און אָן מאַמען...
דריי הונדערט וואונדער אין שווייגן, אין שטומען:
איניינעם — ביז איינעם — אומגעקומען.

— עס רוישן די כוואַליעס זיי איבערן קאָפּ;
און עס שטוינען, אין די קרוינען, קייסער און פּאָפּ.

ראַטנפֿאַרבאַנד, בערדיטשעוו — יולי, 1931.

שנים אוחזין

(דערינערונג)

שנים אוחזין —
צוויי געשטאַלטן האַלטן אין די הענט אַן אַלטן טלית.
איינער שפּייט, שפּעט און רעדט:
יידיש בלוט, יידיש גוט —
אַף הויזן טויג עס ניט — דאָס איז קלאָר;
ביים צווייטן האָט אין אויג וואָס אויפגעגליט:
ער וועט מאַכן דערפון אַנוטשעס אַ פּאָר...

ביינאַכט, אין מאַרק, ביים ליכט פון דער לבנה;
האָבן צוויי סאָלדאַטן, ערב ראש השנה,
אין אַ קליין יידיש שטעטל, אַ פאַרלאָזטן —
שטיקער פון אַן אַלטן טלית אַף די פיס געמאָסטן...

איבער זיי —
אין ביינאַכטיקן בית עולם דרימל...
צווישן שורות אָפּגעברענטע ווענט,
האָט דער טויט זיין אייגענעם פּרצוף דערקענט...
ס'איז געווען: ווי צוויי לאַנגע פייערדיקע פּאות,
אַף צעפּליקטע משניותן און שטיקער יורה דעה'ס —
איבער גאָר דער לענג פון אַ שטעטלדיקן הימל,
קרייזלען אויס אין אַ בלוטיקן תהום —
די אותיות: פּ אָ ג ר אָ ם.

מיין מאַמעס אויגן — רויט און בלוי —
דערוואַרטן דעם טויט און דעם גוי...
מיין טאַנטס ליפּן — זיפּן בלויז,
נאָך שטילער פון אַ פעלד־מויז:
„לישועתך קויתי יהוה״...

און איך — צו אַכט,
איינגעהילט אין זיידנס טלית —
האָב אויפגעוואַכט אינמיטן נאַכט,
צו אויפנעמען דעם ענטפער אַף מיין זיידנס יעלה'ס...

ווי אַ קופּע מיסט, פון ים אַרויסגעשפּיגן,
ליגן מירביידע — אייניקל און זיידע;
אונטער סטירטעס שטרוי און אונטער סטויגעס היי,
ליגן מיר — עם ועדה...
און וואַרטן, אַ וואַרטעניש אַ וויסט:
פון די לענדן פון סאַדיסט;
פון ברוינדיקן ים;
פון קוילער־שטאַם —
זאָל אויפקומען דער איש תם;
דער גואל דם פון קינדער אין די וויגן, געווינערינס און כלות.

ראַטנפּאַרבאַנד: לישטין — מאַי, 1931.

ר י ק ל

(באַלאַדע פון מיין שטעטל)

מיידעלאַך, ייִנגעלאַך — ערשט פון די ווינדעלאַך —
לויפן צעכראַסטעטע יידישע קינדערלאַך ;
לויפן פון חדר אַהיים.
ס'איז פרייטיק אין שטעטל, פאַר פסח — און ריקל
דאַרף נאָך היינט ברענגען פון אונטערן בריקל —
אַ קאָשיקל געלע ליים . . .

ווי אַלט איז שוין ריקל ? אַ מויד אַ יאָר צוועלף ;
די מאַמע אין מאַרק — און דער זייגער שוין עלף —
טוט זי דעם קאָשיק אַ כאַפּ.
און אונטערן אָפענעם שטעטלשן הימל,
ליגט זיך צעלייגט נעבן צווינטער, אין דרימל —
שיכור, אַ בלאָנדער קאַצאַפּ.

ווי קומען דאָ בלאָנדע קאַצאַפּעס אין שטעטל ?
צי האָט דער מלמד געצויגן דאָס קוויטל —
געוואונען דאָס גרויסע געווינס . . .
און מויערט אַ מויער פון זיבן עטאַזשן ;
מיט טורעמס, באַלקאָנען, מיט ברייטע פּאַסאַזשן ;
מיט בוימער און לאָנקעס אין גרינס ?

ניין, נישט דער מלמד — ס'האָט פּאַן דאָבראָוואָלסקי :
דער פּאָריץ פון שטעטל, וואָס מאָנט „יעשטשאָ פּאָלסקי" —
אַהער פון ראַסיי זיי געבראַכט.
ס'איז אים דערווידער פּאַריזער בורדעלן ;
און פּאַן דאָבראָוואָלסקי דעם ווייב צו געפעלן —
אַ שטיינערנעם פּאַלאַץ דאָ מאַכט.

און יעטווידן זונטיק, אַ יעטווידער חגא,
ווערט פריילעך אין שטעטל, עס ווערט אַ טרעוואָגע;
ס'רוישט פאַר די קלייטן אין מאַרק.
און יידישע קרעמער — ערשט פון באַלעמער —
פאַרשמייעטע שעפּן פּרנסה מיט עמער...
און ווישן דעם שוויים זיך פון קאַרק.

און ריקל — פאַרקאַטשעט דאָס סיצענע קליידל;
און, טאַקע ווי נאָר אַ קליינשטעטלדיק מיידל —
זי לאָזט זיך אַרונטער אין גרוב.
און איידער דער ערל צעעפנט די אויגן —
איז ריקל פון בריקל צוריק שוין געפלויגן...
און שמירט שוין די ערד אין שטוב.

אין גאַס איז אַ טומל, אַ רעש, אַ געפילדער;
מ'האַנדלט: בהמות, איקאָנעס און בילדער
להבדיל פון זיין מאַיעסטעט...
סוחרים פון שניט און פון דזשעגאַכץ און שרויפן,
ווילן וואָס שנעלער די סחורה פאַרקויפן
און לויפן אַהיים — ס'ווערט שפּעט.

עס דינגען זיך גויים און גויעס מיט יידן;
ס'איז אַ יאַריד און אַ ייד איז צופרידן.
דאָס שטעטל, עס אָטעמט אויף...
פּלוצים — פון צווישן די שטעלן און קראָמען —
טראָגט זיך פאַנאַנדער אַ שיכורער ברומען:
„זשידי!" — און עס ווערט אַ געלויף.

און אַבציק קאַצאַפּעס, מיט העק אין די לאַפּעס,
זוכן אין יידישע שאַפּעס, קאַנאַפּעס —
אַ יונגן, אַ בלאָנדן קאַצאַפּ...
און יידישע טאַטעס און מאַמעס פון קינדער,

קוקן זיך איבער, ווי אַף אַ בייזוואונדער: —
„צי איז זיי די אַבציק קנאָפּ?"

די זון איז פון יענער זייט בריקל אַרונטער;
דער הימל אין מערב — איין רויטע שטיק צונטער...
דאָס שטעטל — עס צאַנקט אין שרעק.
אין שול איז פאַרזאַמלט דער עלצטער און קלענצטער;
פאַר זייערע אויגן — דורך אַלע אַכט פענצטער —
בלאַנקט דאָס שטאָל פון די העק...

און אַבציק קאַצאַפּעס — מיט העק אין די לאַפּעס,
טראָגן פון יידישע שאַפעס, קאַנאַפּעס —
קליידער און זילבער און שפּייז...
און יידישע מאַמעס מיט זייערע טעכטער,
אין גרויל און אין שרעק פון קאַצאַפּיש געלעכטער —
לויפן אַרום ווי די מייז.

די זון איז פון יענער זייט בריקל אַרונטער;
און ריקל — פאַרסאַפּעט, פון אונטער צווינטער —
לויפט, אין איין אָטעם פאַרכאַפּ;
און אונטער איר — מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע;
מיט אָפענעם מויל און צעגאָסענער סלינע —
לויפט נאָך דער בלאָנדער קאַצאַפּ.

ראַטנפאַרבאַנד: לישטין — יוני, 1931.

ס י ר ע נ ע ס

דעם דיכטער: א. סוצקעווער — אַ מתנה.

סירענעס — ווי טשאַטעס דערשראָקענע פייגל,
שניידן די לופט.
נאַכט, שוואַרץ נעפּל שווימט אין מאַרך...
דאָס האַרץ וואַך — ווערט ווידער אויסגעפּרואווט.

ווי דער אָנזאָג אַף שריפה —
דער נאַ־גוואַלד פאַרטאָג, בעת דער שטאָט־זייגער שלאָגט...
פון יענער זייט וואַלד — אויפגעריסענע דאַמבעס;
אַ גערויש פון וואַסערן זיך יאָגט.

אַ טויזנט־מאָל־טויזנט פאַרלייקנטער אמת;
אַ רמז — אַ געשאָכטענע שאָף...
דעקט אויף כאַאָטישע חשבונות;
וועקט אויף עקזאָטישע חלומות אין שלאָף.

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם,
צינדט אָן יעדן אַטאָם קופּערנעם דראָט;
אַ צעווייטיקטער מאַרך, אין אַ צעווייטיקטן גוף —
הערט דורכן שלאָף אַ ביינער־צעשאָט...

גלייך די אייביקייט אַליין וואָלט זיך אַנטפּלעקט אין שלאָף;
גלייך אַ בת קול וואָלט געשניטן די לופט...
גלייך די אייביקייט דרינגט אַריין אין מיין גוף —
און דאָס בת קול וועקט; און דאָס בת קול רופט.

ראַטנפאַרבאַנד: קיעוו — יולי, 1931.

קאָמפּאַס־קאָמפּלעקס

נאַכט — קאַלטע טראָפּנס שוויים איבער מיין שטערן.
ווי אין מיר וואָלטן זיך מערן —
אַלע ברואים, וואָס גאָט, דער האַר
האָט אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד אַרויפגעבראַכט.

און מיר ווערט קאַלט און מיר ווערט הייס,
בעת איך טראַכט פון מענטשנס נישט פאַרנומענע באַגערן,
וואָס ווערן: קאָמפּאַס און קאָמפּלעקס —
אינם אייביקן פּראָצעס פון ווערן...

כ'האָב אויפגעוואַכט —
און אין מיר האָבן טויזנט אָפּגרונטן זיך אויפגעמאַכט...
און יעדער אָפּגרונט איז געווען ווי אַ טייך —
פול מיט בלוט און טרערן.

און דאָס בלוט איז ביז די וואָלקנס אויפגעשטיגן;
און די טרערן זיינען אויפגעגאַן — ביז צום הימל...
און איך האָב געזען: אויפקום און אומקום —
אַף איין וואָגשאָל זיך וויגן...

און איך האָב געוואוסט איך זע די וואָר —
און נישט צומאָל אַ חלום אין דרימל;
און אַז די וואָר איז גאָר דאָס קערנדל,
אין דער שאָל פון יעדן ליגן...

ראַטנפאַרבאַנד: לענינגראַד — נאָוו., 1930.

אַ בינטל אותיות

אַ בינטל אותיות גייט אויף פאַר מיר אין שלאָף —
ווי קלאָר די וואָר בלייבט שטיין פאַר מיינע אויגן...
גלייך איך וואָלט אין זיך אַריינגעזויגן, מיט יעדן אות,
אַזוי ווי וויין פון אַ פולן כוס — פיין, פון „א" ביזקל „ת".

צי דערפאַר ווייל ס'איז גאָלע גאָב,
אין האַלבער נאַכט אַ געדאַכט אַזוי זיך רעמלען;
צי ווייל בעתן דרעמלען ווידעראָלן
זיך אינגלשע אַמאָלן — מיט יעדן קלאַנג און טראָפּ...

אַ געזאַנג וואַכט אויף אין מיר,
ווי דאָס פאָכען מיט פליגל אין די הימלען...
און מיר טוט באַנג דאָס ווימלען פון געקרייציקטע
„למדן" און „גימלען" — צעשאָטן אין אויר.

זיי לויכטן אויף ווי פייערפליגן,
איבער אָוונט־זון צעצונדענע קופּאָלן,
און וויקלען אויף זכרונות פון קלויזן און שולן לאַנג פאַרשאָטענע —
חלומות צעטראָטענע — פון מאַמעס, איבער קינדער אין די וויגן...

מיר טוט באַנג דאָס שקיעה־ליכט
פון מיינע פריע, אינגלשע בית מדרש־יאָרן;
דאָס צער און צאָרן־געזיכט פונם היימלאָזן זקן,
וואָס האָט מיין אינגלשן דמיון געררייצט און געשראָקן.

די דאַרע הענט זיינע בייגאַכט אַף די שול־ווענט,
גייען אויף פאַרשעמט, אינם קלינג־קלאַנג פון קלויסטערן־גלאָקן,
אינייִנעם מיטן שור שנגח־געזאַנג פון אַ קינד מיט גאָלדענע לאָקן —
איינגעקריצט אַף אייביק אין זכרון.

זשיטאָמיר, ראַטנפאַרבאַנד — יוני, 1931.

יידיש דויערן

אַ פרעמד פאָלק, אַ פרעמד גלויבן —
אַ ווילד־פרעמדער דיבור.
פרעמד מיט זיין קליידן, מיט די קרומע מאַנדל־אויגן,
ברייטע קינבאַקן און נעזער.

נאָר סיך סען —
דער הענדלער פון געפעס און קאָלירטע גלעזער;
דאָס מענטשעלע אין אויג — זיין נויג בעתן ריידן,
אַזוי אייגן — ווייך: סאַמעט...

איך פרעג ביי אים אין טיר, ביים שיידן:
„ווי קומט צו דיר מיין „למד" —
געצייכנט אַף געשיר פאַר בינעזער?"
„אַ" — שמייכלט ער: „אַ צוואה פונם עלטער־זיידן..."

איך הער — און ווער אַליין פאַרטראָגן
צווישן קרומע ווענט און שמאָלע טויערן;
איך הער אַ דורות־אַלט איכה־קלאָגן,
אין גאָס־רעגנדיקע האַרבסטיקע פאַרטאָגן...

איך ווער אַליין דער גרייז, דער אַלטער,
מיטן קליין ציגן־בערדל —
דאָס לעצטע איבערבלייב פון אור־אור־אַמאָלן,
אין אַלט־קאַטאַי, שאַנכאַי — די יאַנגצע־טאָלן...

איך הער דעם ציטער פונם לעצטן כהן־כאַן;
דער לעצטער ריטער פונם לאַנד כנען...
דער אָפּהיטער פון אור־אַלטע מגילות —
יידיש דויערן.

— אַן אָפּגעדינט פּערדל אַף פֿאַרלאָזענע בית עולם׳ס,
וואָס שפּאַנט אַרום פֿון בערגל צו בערגל...
און הערט — מיט אויפֿגעשפּיצטע אויערן —
פֿון אונטער יעדן שטיין, די מוטער רחל אַף כינעזיש טרויערן.

איך וואַרט

איך האָב אַ וואונדער־טרוים געטרוימט,
פֿון נײַ־געזאַנג געדאַכט;
בײַטאָג, ווי אַ שכּור יום — געצוימט...
בײַנאַכט — אין ליד דערוואַכט.

איך האָב אַף מאַכט פֿון וואָרט געבויט;
אַף נס פֿון ליד געוואַרט...
איך האָב מײַן רייַנשאַפט אָנפֿאַרטרויט
מײַן בײַנקשאַפֿט — נאַכט נאָך נאַכט.

עס איז געווען ווי אַ פֿרוי,
מיט אויגן: בלוי און צאַרט...
און געדאַכט האָט זיך אַזוי
ווי זי וואָלט זאָגן: „וואַרט.״

און — יאָרן ווי איך גיי אין שפּאַן,
אָפּט דאַכט זיך עמיץ לאַכט...
מײַן יוגנט איז שוין לאַנג פֿאַרגאַן —
און איך, נאָך אַלץ איך וואַרט.

דער טרוימער

יאָרן — לויפנדיקע שטראָמען;
רגע׳ס: כוואַליעס, אייזיק־קאַלט...
ווי אין אָפּענע תהום׳ן —
טאָג נאָך טאָג, אין אָפּגרונט פאַלט.
איבער יפת׳ן און חם׳ן —
שם, אויך פאַלנדיק, ער שטראַלט.

איבער אַלע זיבן ים׳ן;
אַף דער גאָרער, ברייטער וועלט,
צווישן אַלע פעלקער־שטאַמען —
יעדער וועג צו זיך פאַרשטעלט...
צאַנקט דער פלאַם פון אַלע פלאַמען;
און — אויך צאַנקענדיק — ער העלט.

דאָרט, אין נידעריקסטן נ״ער;
יעדער טראָט — אַ מאַרטער־פלאַם...
מיט דער וועלט אין קידער־ווידער,
צווישן אייגענע אין קלאַם —
אַ פאַרפרעמדטער צווישן ברידער...
לעבט דער טרוימער פון זיין שטאַם.

ווי דער אָדלער אין די רוימען,
איינאַליין — דער טרוימער לעבט;
העכער, איבער אַלע צוימען —
אין זיין אָדלער־טרוים ער שוועבט...
דאָס געוועב פון זיינע טרוימען:
גאָט און מענטש — צונויפגעוועבט.

ניט פון גרויסקייט טרוימט דער טרוימער;
נישט פון איבערמאַכט ער טראַכט...
נישט דורך גבורה, ווי די רוימער,
האָט ער צו זיין הויך דערגרייכט;
אין זיין חדר — בלויז ל״ג בעומר,
האָט מען רוביקסלאַך געמאַכט...

אין זיין חדר זאָגט מען טעגלאַך:
„מודה אני״ און דעם „יום״;
און — ווי ווייט עס איז נאָר מעגלאַך —
האַרץ און מאַרך מ׳האַלט אין צוים...
און ווען פיין ווערט אומדערטרעגלאַך,
ווערט דערפון משיח־טרוים.

געבאָט — און איבערטראָט

געבאָט פון צייט איז וואָרהאַפטיק —
און גרויל־האַפטיק — ווי שײַלאָקס שפּאָט;
טראָט פון מענטש — מילבן־טראָט;
דער טראָט פון קראָקאָדילן — דערזעלבער...
איין וועג — פאַרן ריטער פון ווינטמילן,
ווי פאַרן היטער פון געוועלבער.

פון דעם אַלטאַר — ביז צום עשאַפאָט:
געבאָט און איבערטראָט...
און איבערטראָט איז אויך געבאָט;
און פון דעם זון פון נבט ביז דעם זון פון נצרת —
גאָט — סאַראַ ים מיט גזירות און עברות,
עס פאַרפלייצט דאָס האַרץ אינם גאַנג פון דורות...
(דאָס שטיק לויתן און דער שור הבור —
מהות׳ן... און טעותן, אין יעדן דור.)

פון די טעג פון אשור און בבל —
ביז די טעג פונם נאַצי־מנוול...
ווער קאָן אָנציילן די שטרויכלונגען פון טאָוול ביז טאָוול?
ווער קאָן מעסטען דאָס מהות פון „עין תחת עין״ —
מיט דער מאָס פון אַ חייב־געשטעמפּלטן קין...
און — צום וואויל־אָמבעסטן, זיך פאַרמעסטן צו פאַרדייען
די רייד פון עמוס און ישעיהן?

כאַזאַרן

ווי אַ שוואַרצע כמאַרע —
די מראה פון אַ פאָלק, אייביק אין שפּאַן...
יידן — בערגיקע, שוואַרץ־בערדיקע —
פון בוכאַרע, אַפגאַניסטאַן,
גייען אויף מיט ווייבער און מיט קינדער;
מיט סטאַדעס שאָף און רינדער,
אינם לאַנד פון די כאַזאַרן.

ניט ווי האַרן — און ניט ווי רענדאַרן,
(די שטענדיק שיכורע באַיאַרן...)
איבער סטעפּ — אין טויט־געפּאַרן —
זע איך זיי זיך שפּאַרן דאָ און דאָרט,
לערנען באַרבאַרן גאָטס וואָרט.

פּלוצים — און דאָס בילד האָט זיך געביטן;
אַ רויטער פלעק האָט אין אויג זיך איינגעשניטן...
גאָטס וואָרט — פאַרשוואונדן;
און די יידן: די בערגיקע, שוואַרץ־בערדיקע,
מיט די ווייבער און די קינדער;
די סטאַדעס שאָף און רינדער —
ווערן דורך יָמים בלוט און טרערן,
אַף די פּלוינען פון קירגיז און טורקמאַן...
מיסט — פאַר די קרוינען פון צלם און קאָראַן.

אַלמאַ־אַטאַ, קאַזאַקסטאַן — אַפּריל, 1931

אַ שטויב אין ווינט

מיין טאָכטער: מונאַ׳ן — אַ מתנה.

און דו, מיין קינד —
אויב דיר איז אויך ווי מיר באַשערט,
אַף ווערט פון מענטש באַשטיין...
אַליין — אַף נייבאַגין אַ ריס;
אין שטויב פון דיינע פיס —
אַ קנויל פון זינד...

ווייס: אַצינד און אַלעמאָל —
נול, אַ מיליאָן מאָל אין צאָל,
איז אויבעט נול...
ווייס, אַז אין תוך איז יעדער מאָלעקול
לעבעדיק סובסטאַנץ־דערגאַנץ אַף נייאַנשטיין...
און וויפיל מאָל דו האָסט דעם טויט געאַנט —
און זיך אַליין אין אים דערקענט;
און וויפיל מאָל האָסט אויפגעפלאַמט —
און ווידער אויסגעברענט...
אַליין — אַ שטויב אין ווינט;
דיין געביין: דער קווינט — אינם טויש־לאַבירינט
פון מענטש, חיה, פלאַנץ און שטיין.
נויג אָפּ פון דיינע מיט־קריכער —
און זע: אַלע דיינע טעג זענען ניט זיכער...

גיי אויף, מיין קינד, אין קנויל פון צייט;
הער — אין געזאַנג פון ספער —
אויפגאַנג און צעשטער...
און ווער, דו אַליין, מיט דיין עצם זיין;
מיט גאָר דיין פרייד און גאָר דיין פיין,
מיט דיין יעדן ווענד און קער —
דער העכסט־העכסטער אָפּקלייב־זין,
אַף נייבאַנייטן מענטשן־מין.

ביים קאַמין

כ׳זיץ און האַלט אין האַנט די פעדער
און קוק אין בלויען פלאַם פאַרטראַכט;
פאַר די אויגן בלויע רעדער —
און אין פענצטער שוואַרצע נאַכט.

אין דמיון טאָגן אויף געדאַנקען;
בילדער קומען — לויפן ביי...
איינגעדרימעלטע פאַרלאַנגען —
וועקן אויף זיך פון דאָס ניי.

ווידער וועקן זיך אין האַרצן,
לידער — איינגעקלעמט אין פראָסט...
און אין דרויסן, אינם שוואַרצן,
האָבן שדים זיך צעלאָזט...

פאַר די אויגן — בלויע רעדער;
און אין האַרצן אומרו גליט....
כ׳זיץ און האַלט אין האַנט די פעדער —
און קיין לידער שרייבט זיך נישט.

סטאָקהאָלם, שוועדן — 1930

ממלכת כהנים

מיין טאָכטער: יהודיתן — אַ מתנה.

מיין ווייב איז אַ כהן׳ס אַ טאָכטער;
און נאָך אַ רויטע דערצו...
און איך האָב אין פרייד אומפאַרוואָטער,
געזוכט צו געפינען מיין רו.

אויך איך בין אַ זון פון אַ כהן;
לויטן קאָליר — אַ שאַנטין...
מיין טעמפעראַמענט — מיין שגעון —
גאָט! סאַראַ כעס׳ן איך בין.

די טאָכטער, גע֞ירשנט האָט ביידן;
דער קאָפ אירער — קופּער־קאָליר...
די אויגן נאָר, שווער צו אַנטשיידן —
ביי׳טן זיך — פונקט ווי ביי מיר.

איין אייניקל מיינס — אַ דריי־יאָריקס —
האָט טונקעלע אויגן און האָר...
דאָס צווייטע איז גאָר אַ בלאָנד־האָריקס,
מיט אויגעלאַך בלויע אַ פּאָר.

די מאַמע — אַ כהן׳ס אַ טאָכטער;
דער טאַטע — אַ כהן׳ס אַ זון...
קינד מיינס, אין וואָך, אין פאַריאָכטער —
וואָס וועט דיר בלייבן דערפון?

אָ, קינד מיינס — ממלכת כהנים,
מיינט חשיבות פון מענטש אַף דער ערד —

געהייליקט, אַף טויזנט אופנים,
אין פייער — דורך בלוט און דורך שווערד...

געדיינק אַז דער תכלית פון לעבן,
און נישט בלויז פאַרמערן דעם מין...
געדיינק אַז צו דיר איז געגעבן —
צו געבן דעם לעבן אַ זין.

STUPID

(פאַר וואָלט וויטמאַנס פּאָרטרעט.)

דער דיכטער איז ענדלאַך אַ בירגער געוואָרן;
אַ בירגער — ווי פאַם, ווי דיק, ווי הערי און קעלי...
דער דיכטער — אַ בירגער; אָ, הייל מאַיקאָוועלי!
דער ריטער אין קעניגרייך פון קיטס און שעלי —
איז מער נישט דער היטער פון צער און צאָרן.

העכער פונם אָדלער איז ער אַמאָל געפלויגן;
מענטש־געבאָט — ווי גאָט — געשטעלט צום מוסטער...
(דאַן איז ער געווען נאָך: בונטאַר, באַוואוסטער...)
איצט איז עם דער יוסטער פיליבאָסטער,
וואָס שפּאַרט דעם גזר אים תמיד פאַר די אויגן.

אַ נאָגנדיקע ביינקשאַפט וויקלט אים אַרום;
באַהאַלטענע רעגונגען — ווי קנוילדיקע שלאַנגען,
וויקלען אויף אין זיין געמיט, נישט־דערזונגענע געזאַנגען...
און — ווי אין קלאַמער־צוואַנגען — געפאַנגען,
ער טראָגט זיין ליד: זיין אומרו, אין זיך — שטום.

ער צאָרנט נים — דאָס שפּיל איז אָפּגעשפּילט, פאַרשפּילט;
(געזיגט האָט דער, מיטן סטיליעט אין האַנט...)
און ער: אין שטאָט־מוזיי, אין ריי מיט גאָט, אַפּן וואַנט —
אַפילו דעם געהערטן קונסט־פעדאַנט נישט מער אינטערעסאַנט...
אַ שטיק וועלט־זויי, אין גאָלד אָפּגעגילדט.

און מענטש־געבאָט — באַנקראָט און לעסטערונג פון וואָר־וואָרט?
איז איינס דערגאַנצונג, צי פאַרלייקענונג פון צווייטן?...
קלאָר — דער וועג פון מענטש איז נישט אויסגעבעט מיט קווייטן;

און קומען, קומט קיינער נישט אַף אַלעם גרייטן...
פאַרוואָר — ס'האָט דיכטונג זיך קיינמאָל מיט וואָר נישט געפּאָרט.

נאָר דער ריטער פון ליד, איז פון די וואָר־היטער מיד;
ביזן ביין — מיט געוויין פון טאָג באַלאָדן...
דער בירגער־פּאָעט, אַף פאַוואָרלאָזטן באָדן —
ער איז איצט אַליין ביי דעם שטאַט אַ פּקדון...
און יעטווידער גליד אין אים שרייט: stupid!

מיין שכן — מיין קריטיקער

— דעם אָנדיינק פון ב. ריווקין —

ער האָט געקוקט אַפן פּאַפּיר,
אַף מיר — און געשמייכלט:
„יאָ, נישקאָשע פון אַ שיר;
צום טאַקט — אויסגעשכלט...״

און — מיטאַמאָל — ער בייט דעם טאָן:
„ווילסט לידער שרייבן?
אַלע וואָרן גורט דיר אָן —
דיינע וועט דיר בלייבן...

פּאָרזיכטיק, אַנטקעגן ווינט,
וואַרף דיינע קערנער...
זע דו זאָלסט ניט שניידן בלינד —
אַנשטאָט פרוכטן — דערנער.״

ער לייענט — און האַלט אַ ווייל
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן;
ער הויבט אים אויף — און ליכט אַ זייל
שלאָגט פון זיינע אויגן...

„גרוים און ברייט איז דאָס פעלד;
פרוכטבאַר — דער באָדן...
זיי און שנייד — און ווער דער העלד
מיט וואָרער וואָר באַלאָדן.

דיין ערשטע פליכט — זיי זיך געדעכט;
שרייב, און זאָל דיין שרייבן —

אַנטפּלעקן אין געזיכט פון קנעכט,
דאָס ליכט וואָס קומט צו בלייבן..."

איך הער — און וויש פון אויג אַראָפּ
אַ טרער מיטן אַרבל...
אין פּאַר מיר גייט אויף דער קאָפּ
פון יוחנן המטביל.

יוגנט־טרוימען

דער דיכטערן —
פּעסי הערשפילד פּאָמעראַנץ —
אַ מתנה.

יוגנט־טרוימען — טוגנט־שוימען;
צייט־געוועב און טראָפּן גליק...
צייט די רוימען איינצוצוימען —
צייט צו קוקן אַף צוריק.

נעכטן, היינט — און איבערמאָרגן;
ערשט געווען — און שוין פאַרגאַן...
ווילסט די אייביקייט פאַרזאָרגן —
ווערט די אייביקייט — אַ שפּאַן.

און וועט נייע דורות קומען,
און צערייסן דיין געוועב...
ביים די ליפּן ביז פאַרשטומען;
און איך גאָט'ס נאָמען — פאַרגעב.

אַ יאָר פאַרגאַן — אַ יאָר קומט אָן

אַ יאָר פאַרגאַן —
אין שאַנד און שפּאָט, אַף יעדן טראָט;
פאַרוואָרלאָזטע פון מענטש און גאָט...
אין יעדן לאַנד — אין בראַנד און נויט —
מיט אויסגעשטרעקטן האַלדז צום טויט...
מיט יעדן טאָג — אַ נייער יאָך,
מיט יעדער שעה — אַ פרישער בראָך;
אין שטויב צעטראָטן, שפּאַן נאָך שפּאַן —
אַ יאָר פאַרגאַן.

אַ יאָר קומט אָן —
אַ יאָר פון גרויל און אבל־פּיין;
פון געטאָ — אָן אַ טראָפּן שיין...
טו נעם ביים האַנט דיין גורל אָן —
און וויקל אויף דיין אַלטע פאָן...
און גיי אַרום פון שטוב צו שטוב;
און קוק אַריין אין יעדער גרוב —
און לעבט נאָך ווער דאָרט, זאָג אים אָן:
אַ י — אָ — ר קומט אָן!

שיקאַגאָ — 1943.

פרילינג — אין נאָוועמבער

פרילינג — אין נאָוועמבער;
דאָס גראָז, דער בוים, דאָס וועוריקל,
ווי די אָפּגעפאַלענע בלעטער — עמבער.
פאַרנאַכט, אין פּאַרק — אַף אַ באַנק קעגן מיין פענצטער —
זיצן צוויי, ערשט פון איי...
זי זינגט: „פון אַלע אינגעלאַך ביסטו דער שענסטער״ —
און טוט קאָקעטיש זיך דערביי פאַר אים אַ דריי.
ער — אין גאַנצן, ווי דאָס קעלנערל פון מאַנטל, אויפגעשטעלט...
קוקט אַף איר — און קוועלט.

איך קוק אַף זיי — און טראַכט:
חלום צי וואָר? דער ס״ה צו דער האָר,
ווערט אפנים גאָר אָט דאָ געמאַכט;
פאַר די אויגן — ווי פון אַן אַלבאָם, אַן אַלטן —
גייען אויף געשטאַלטן אין בערד,
ווי אַמאָל אַף אוקריינע — אין אַ ווינטער־טאָג אַ קאַלטן —
די גריוועס ביי ווינט־צעפּאַלאָשעטע פערד...
אין קראָם, בית מדרש — אין מאַרק־טעג אַף ירידן:
גאָט־פאַרקאָרקעוועטע יידן.

פאַר די אויגן — קראָמען;
און אין די אויערן — פון אונטער איינגעפאַלענע געטאָ־מויערן —
בויערן פוילנס, ליטעס, וואָלינער און פּאָדאָליער שטראָמען
בלוט — פון שטריקל־דרייער, היטל־נייער, שמידן;
יידן — אויסגעטאָן צום העמד;
ריי נאָך ריי — ווי אויסגעהאַקטע שטיינער־פּיראַמידן —
שטייען זיי נאַקעטע, אין טאָג פון פאַרלענד...
און — ווען פרילינג האָט צום לעצטן מאָל אין געטאָ געפרילינגט,
אָפּגעווישט — פאַרטיליקט.

וואָס ווייסן זיי — אָט די צוויי?
ביים ערשטן קריי, (ווען דאָס מאַרק־געשריי באַוויליקט...)
גרייט צו שטעלן זיך אין ריי, (ווי די טאַטעס, אַזוי אויך זיי...)
נישט חלילה מיט די זיידעס ביים בעלעמער —
נאָר צוריק אין די געוועלבער...
און — כאָטש הי געבויר־ענע, אַמעריקאַנער קרעמער —
דער גורל: דער זעלבער;
דאָס געשריי פון עשו'ן אַף יעקבס פולע לינדזן־טעפּ,
קייקלט זיך איצט איבער זייערע קעפּ.

ביים ראַנד

און דו האָסט געאַקערט, און דו האָסט געזייט —
און דו האָסט דיין אייגענעם אומקום פאַרגרייט...

(צו אַ יידישן דיכטער.)

ניט שוין האָסטו דיינע וואונדערלאַכע וואָר־געזאַנגען,
מיטן מוטנעם שטראָם פון סדום געטאָן פאַרשווינקען?
ניט שוין האָסטו דיין לויטער־ליכטיק גלויבן און דיין בענקען —
און די קלאַמערן פון מאַרק־געשריי געפאַנגען?
ניט שוין האָסטו דיין שפּעדיקן דיינקען,
פאַרוואַנדלט אין עקדעשן און שלאַנגען?

ניט שוין האָסטו דעם דראַנג פון דיינע אינגעווייידן,
דעם בלינדן מאַסן־הויקער, בלינד אָפּגעגעבן?
ניט שוין האָסטו, אין זעלבסט־פאַראַט, דיין אייגן לייב און לעבן —
אָפּגעפּרעמדט פון דעם, פון טאַטן און פון זיידן?
ניט שוין האָסטו דיין ליד — מיט בלוט געשריבן —
פאַרוואַנדלט אין שנאה קעגן ביידן?

ניט שוין האָסטו דיין אייגענע נשמה — די פרייד פון דיין אומה,
פאַרטראָגן צווישן פרעמד־גורלדיקע וועלטן?
און דיינע אייגענע פאַרוואָרלאָזטע יעקב־געצעלטן —
זענען זיי באמת טאַקע קלייזלאַך טמא?
דיין וועלט־באַשייד — דעם דור נאָך דור געקנעלטן —
ניט שוין האָסטו דערפירט צו נקמה?

צי האָבן די טאַטעס אונדזערע דערפאַר די קעפּ געבויגן;
און — געטריבן צום טויט — אַ שבועה זיך געגעבן...
אַז אינם דראַנג, צווישן פעלקערלאַכן אויפגאַנג צום לעבן,
זאָל טאַטאַלער אומקום שטיין אונדז פאַר די אויגן?

צי זענען מיר דערפאַר לעבן געבליבן,
פרעמדע זאָלן אונדזער אײנגעװײד זױגן?...

צי האָט נישט דאָס געקנאָט פון זײערע װאָר־חלומות,
דײנע אױבערשטע שטאָקן איבערגעשראָקן?...
און דאָס כּסדר׳דיקע קלינגען דײנס אין פרעמדע גלאָקן —
צעעפנט עס נישט מער נאָך די תּהומות?...
צי האָט נישט דײן פאַרבאָט אַף זײערע חוק׳ן,
פאַרענדיקט אַלע שטאַם־חשבונות?

בײם סאַמע ראַנד פון דײנע אױסגעבײנקטע מוסטער־װעלטן,
שטײען מיר — פון אַלעמען שױן אױסגעמאָלקן;
און יעדער אױסלײז־חלום — פאַרװאַנדלט אין אַ װאָלקן...
ס׳װעט נישט העלפן מער קײן בענטשן און קײן שעלטן;
בײם סאַמע ראַנד פון דעם געװאָלטן און געזאָלטן —
ליגן צעטראָטן יעקבֿס געצעלטן.

דער אָנדיינק פון אַ טאַטן

ניט סתם אַ דאַמע —
אַ מאַמע, וואָס איז זיך מתחתן
דווקא נאָר מיט קאַטוילישע מאַגנאַטן...
(נישט עפּעס קיין זשיפּעצעס, כאַלאַטן —)
האָט דעם טויטן טאַטן אירן —
דעם אָרימאַן, וואָס האָט געשפּאַנט איבער פרעמדע טירן...
ווי אין אַ שונד־ראָמאַן — לעהיי די ציגיינער־בויד...
אַף פרעמדן, טאָטערישן יחוס אויסגעביטן.

ליידי — מיט די הענט אין די קליבעס,
האָט מעשה דינסט־מויד —
ווי אַ פריידי, זיך געשטעלט אַף די דיבעס...
און, ווי יענער נאַר אינם גאָלדענעם שליטן —
צום שפּאָט פון דער גאָרער וועלט,
זיך אַליין אַרויסגעשטעלט.

אָ, ניט אין די קאַטוילישע מאַגנאַטן ליגט די סכנה;
די זלידני־כונה, ביים לייקענען (כאָטש האַלב...) די אייגענע אמונה,
רייצט דעם אונטערגעראַנק ביים שוטה און רשע...
איניינעם מיט דער סלונע אין מויל פונם הונגעריקן —
רינט אויס דאָס לעצטע ביסל בושה...
נאָר דאָס וויסט השתנה־געשטאַנק,
וואָס שלאָגט פון דיין אומווירדיקייט — אָ, וועלט!
דעם געוויסנלאָזן ליגן, וואָס דו האָסט אַריינגעקנעלט
אין געביין פון דעם — וואָס לעבט דאָס לעבן פון אַ הונגעריקער לויז;
און געדייעט בלויז אין זכות און אין דער לייטזעליקייט פון זאַטן —
אַז אַן אויסגעטראַכטער טאָטער קאָן פאַרבייטן דעם אָנדיינק פון אַ טאַטן.

פון גן עדן — אין מרחץ.

אין אָנפאַנג איז געווען ווי אין גן עדן:
מענטש האָט זיך אַליין אַ נאַקעטן געזען —
פון נאַקעטקייט נישט וויסנדיק...
און דאָס נישט־וויסן —
איז אויך געווען נישט־וויסנדיק.

שפּעטער, אַז די שלאַנג איז געוואָרן זיין געוויסן,
האָט ער זיך פאַרשעמט פאַרן „נישט־וויסן" —
און אָנגעטאָן אַ פייגן־בלאַט...
פון דעמאָלט אָן האָבן „נישט־וויסן" און געוויסן,
געשלאָגן בלאַט, אונטער איין צודעק —

נאָר אַז „נישט־וויסן" —
האָט פון עפּעלע פאַרזוכט דעם ערשטן ביסן;
און „נישט־וויסן" איז געוואָרן אַל־וויסנדיק־וויסן...
האָט „נישט־וויסן" פון געוויסן —
די פייגן־בלאַט אַראָפּגעריסן.

זינט יענעם טאָג —
איז דאָס וועלט־געוויסן אַ מרחץ:
איינער זעט זיין אייגענע נאַקעטקייט, אין צווייטן...
און די, וואָס קומען אַף אַלעם גרייטן —
ליגן אַף דער אויבערשטער באַנק און מאַכן גלאַט גוואַלדן.

לעגענדע טראַצקי

דעם אָדלער זיין רו;
דעם שפּאַרבער זיין פּרעסן...
און וואָס די ערד דעקט צו —
ווערט נישט פאַרגעסן.

אַ רויטע טוך, פאַר די אויגן פון אַ „בול" — די צעיושעטע געבליטן;
נישט צומאָל קיין פּיפּס, קיין „סלוך" פונם געניטן רייטער,
וואָס האָט זיין אייגן האַרץ צום שייטער אויפגעשניטן —
און געמאַכט דערמיט די גאָרע ערד פול...
נאָר דאָס קאַלטע שטיקל שטאָל: די פּיקע — ווי אַן אָפּלייטער;
און די האַנט פון טויט, וואָס האָט אויך דיך נישט אויסגעמיטן.

אַ טראַציק דאָרף־פּלאַנץ — אַף די סטעפּעס, די כערסאָנער;
דיין האָנאָר גאַנץ — נאָך אין די ווינדאַלאַך — צו דער סאָצקי־אַגענדע...
סאַראַ ווענדע — פון קאָצקער גרענדע — צו דער לעגענדע: „טראָצקי".
סאַראַ קערנדיקער קאָנער, סאַראַ קרן מאָנער —
פון דאָנער קאָזאַק — ביז צו דעם באַטראַק אַף דיין טאַטנס אַרענדע...
היציק, בליציק — דער גאון אין וצי"ק, צוריק אַף דער האָצקע.

פון מאָסקווע — ביז צו דער השגחה פון אַנקאַראַ: ס—אַ—ה—אַ—ר—אַ;
דיין מערכה: שאַרסטקע רייד צו זיך אַליין אין אינדזל־תּפיסה...
ביז דולן — מאָלן זיך די נאַרע־גסיסה, מיטן זעלבן פּינזל,
וואָס האָט געמאָלן גלאָרי; מאַסאָווע־מראה...
אָסלאָ, פּאַריזש, מעקסיקאָ — פון יעדער שפּאַרע שפּאַרט מיתה;
שפּאַרט די כאַרע — דאָס מיאוסע, וואָלגאַרע, זשאַנדאַרן־געזינדל.

אָ, פלוך! דעם פליוך־געניטן בר נש, וואָס הויבט די פלאַש איבער דיין אַש.
ווי אַ וואָלקן־בראָך, גייט דיין שאָטן טויטערייט אים נאָך —
איבערן בוינע־געדוד, איבער די שטעכיקע דראָטן,
פון „אונטער דעם לינדן" — ביז צום מאָנפּאַרנאַס...

ווי אַ וויסטער מעפּיסטאָפעל־שפּאַס — די זאַך אונטערן מעסער־שטאָך;
די מורא פֿאַרן זעלבן שפּרוך, וואָס האָט די האַנט פונם יעוונוך געבאָטן.

שלים — שלאַם! דיין מאַרשרוט... ווי דער שטורעם אַפן ים —
דאָס בלוט פון אַ פאַרלייקנטן מאַרטירער־שטאַם, וואָס ווערט נישט מיד,
צו אויפשפּילן דאָס דור הפלגה־ליד — נאָך און נאָכאַמאָל...
ביז יעטווידער קאַנאַל ווערט אָנגעפילט מיט גאַל און סם;
ביז יעדער חם ווערט מיטלויפער און נאָכלויפער צום קאַרניוואַל־יריד...
וואו מאַרטער־פּלאַס ווערט אויסגעשמידט אין קאַלטן פּיקע־שטאָל.

כי טוב

דער איינשניט אינם וועלט־בילד,
וואָס גייט אויף אַף שריט און טריט —
באַדייט: אָנדייט, אַף כּסדר׳דיקן אומוועגד...
אָן־ענד — באַנייט, אַף יעדן קער און ווענד.

דער „כי טוב" פון אָרט און צייט —
דערגאַנצט, אין אייביקן תּוך־אומבייט...
איז גורלדיק פאַרן מענטש־געמיט,
אין יעדן צייט־אָפּשניט.

און נאָך מער גורלדיקן איז יעדער טראָפּן גליק;
(ס׳איז יעדער אויגנבליק — דער אייביקייט׳ס אַ בריק...)
און — ספק־יאָ, ספק־ניט — צייט און אָרט,
איז פאָרט דאָס גופיק אויסגעשטאַלט פון וואָרט.

הענט צום פאַרדינגען

גערוידמעט דעם אָנדענק פון משה לייב האַלפּערן.

וועלט — איך האָב צוויי הענט צום פאַרדינגען;
אַ קאָפּ — פאַר אַ מיצל, מיט גלעקלאַך צו קלינגען...
און דרינדזשען קאָן איך — און ווי אַ פייגעלע זינגען.
וועלט — איך האָב צוויי הענט צום פאַרדינגען.

וועלט — איך האָב נאָך אַ גוף אַ געזונטן;
נאָר ווי אַ קרעציקן הונט — אַ געמום'טן —
לאָזט מיך שטיין ביי דיין טיר אַ פאַרשטומטן...
וועלט — איך האָב נאָך אַ גוף אַ געזונטן.

וועלט — איך האָב אין מיין בלוט זיך געטונקען;
ווי איינער וואָס טרינקט זיך און ווערט נישט דערטרונקען —
שטיי איך פאַר דיר איצט אין בושה געזונקען...
וועלט — איך האָב אין מיין בלוט זיך געטונקען.

וועלט — איך האָב זיך אין טרערן געבאָדן —
אַז אויפגיין, זאָל אויפגיין מיט צאָרן באַלאָדן,
מיין ליד — וואָס אַקערט דיין שטיינערנעם באָדן...
וועלט — איך האָב זיך אין טרערן געבאָדן.

וועלט — איך האָב ביי מיין הונגער געשוואוירן,
אַז איך בין געשטאָרבן אוןווידער געבוירן —
צו ווערן דער קרן, וואָס גייט נישט פאַרלוירן...
וועלט — איך האָב ביין מיין הונגער געשוואוירן.

וועלט — ס'וועט נאָך אַ טאָג אַזאַ קומען;
און שטיין וועל איך שטיין מיט דיר פּנים על פּנים —
און דו וועסט מיין נאָמען אַמאָל נאָך דערמאָנען...
אָ, וועלט! ס'וועט נאָך אַ טאָג אַזאַ קומען.

גיי

גיי! פאַרשריגענער, פאַרשוויגענער;
פון אייגן בלוט פאַרשפּיגענער...
קריך אַרונטער פון די הויכן,
וואָס דיין שטאָלץ האָט אויסגעוועבט;
קוק אַראָפּ אין טויטן־טאָל —
און זע, צווישן שטיין און שטאָל,
אונטער לעצטע געטאָ־רויכן...
זיין לעצטן גרויל, דיין פאָלק דערלעבט.

גיי! געכפּלטער־פאַרצווייפלטער;
אָן אורטייל — דו, פאַראורטיילטער...
קריך אַרום אַף אַלע מיסטן,
וואו דיין שטאָם פאַרבלוטיקט ליגט;
קוק אַריין אין יעדער לאָך —
און דערקאָן, דערקאָן דיין בראָך;
אַף זיך אַליין, דעם אַל־פאַרמיאוסטן,
זע די האַנט פון גאָט געשיקט.

גיי; דו, אומעטום געררודפטער;
אין יעדן תחום געעודפטער...
דעם נאָמען מענטש — אין זיך פאַרמעק;
און ווי דער לעצטער ייד אין וועלט,
אַלע גרוילן אויפגעקרעלט —
קיינעם׳ס וואונד נישט וואַש, נישט לעק;
נאָר מיט לעצטן האַרט־געגעק —
אַלץ, וואָס האָסט ביז איצט געקנעלט — פאַרשעלט.

שיקאַגאָ — 1943.

פון וואַנען ס׳איז געדרינגען

פון וואַנען איז גערדרינגען —
אַז ווייס, אין האַרצן שוואַרץ,
איז דאָס געשטאַלט פון הפקרלינגען?

פון דעם, וואָס ס׳איז פאַרשריבן: שוואַרץ אַף ווייס;
איז געבליבן, אַז ס׳איז אַ גרייז —
(כאָטש געשריבן האָט עס ווייס...)

אַ באַווייז: דער שטריק,
דער לעצטער אויגנבליק...
דאָס בלאַטע מעסער־קלינגל —
און, דאָס גלאַטע צינגל,
וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט
שטאָל און אייזן;
באַווייזן, פאַר דער גאָרער וועלט,
אַז שולדיק דאָ, איז גאָר דאָס יינגל —
דערפאַר ווייל ס׳איז פעך־שוואַרץ.

אַ סימן — דיין אייגן האַרץ,
וואָס האָט באַפוילן דיר צו זינגען
דאָס ליד פון דעם, וואָס (אַליין, שוואַרץ...)
— האָט אָוועקגעשטעלט זיך דינגען
מיט גאָט, פאַר יעדן פּעטלי־רינג;
פאַר יעדן טרערן־שלינג —
און — ועל כולם: נאָך אַלע איז׳מען —
פאַרן פּזמון וועגן יענע וועלטן;
דער ליגן, וואָס קייקלט זיך אין מויל בײַ אים,
נאָך פון די צייטן פון בלעם —
וועגן יעקבֿ׳ס געצעלטן

אַלע ניסים

נצחון־געזאַנגען, ביים קריגעלע אויל;
נס — פאַרן שוואַכן און מידן...
די מעשה: געגאַנגען פון מויל איז צו מויל —
און יידן, געווען זענען יידן.

בימי חשמונאים — צעוויקל אין קנויל
פון צייט, אָט דער חלום פון פרידן:
„מה טוב ומה נעים" — ווי גוט און ווי וואויל —
דאָס ליד פון קאַצעט־אינוואַלידן...

מיט ניסים פאַרגרייטע, אַף אומקום און גרויל,
צום אָנדיינקען פון פיראַמידן...
דאָס שארית הפליטה — נאַקעט און הויל;
און ווי זייער לשון פאַרשידן —
יידן, אַנטרונען פון מעסער און קויל,
די גאָלדענע קייט — טוען שמידן.

אַ שטערן פאַלט

אַ שטערן האָט פּלוצים זיך אַרויסגעגליטשט פון הימל;
ער שטראַלט — און פאַלט.
דאָס געשטאַלט פון מיין זיידן —
(אין טאָג פון פּאָגראָם...)
אַ וואָלקן־לאָם, מיט אויסגעקערטע איינגעווייַדן,
גייט אויף פאַר מיר אין נאַכטיקן דרימל —
קוקט אַראָפּ אין אָפענעם תהום,
מיט איין אויג — קאַלט און האַרט;
דאָס צווייטע אַף אייביק, אין דער ליידיקייט שטאַרט.

זיין קאָפּ — (ירושה, וואָס כ'האָב פון מיין זיידן געירשנט...)
וויגט זיך אום הין און הער —
ווי דער אומרו פון אַ וואַנט־זייגער, מיטן צונג אין דער לער...
די צונג, וואָס האָט חסד שבחסד געדרשנט —
דרשנט נישט מער.

פאַר זיינע פיס —
אַ באַוואָפנטער סריס, אין אַל־הפקר־שוואונג,
צעוויגט — איינייגעם מיט אַ דינעם שלאַנגען־בים —
נישט קיין קריעה־רים, נישט קיין אבל־טרער...
נאָר דאָס שלינג און שלאַנג־באַגער, פון אַ גאַסן־יונג,
וואָס זעט אין טאָג פון זיין יובל־טרוים —
גאָט אַליין הייגנען אַף אַ בוים...

אונטער אים — אין אָפענעם תהום, צווישן ייד און גוי —
קייקלט זיך דאָס שלאָג־ליד פונם הויקער־קלאָון:
„האָסט פאַראַטן דיין טאַטן — גוט אַזוי...״
דאָס געזאַנג פון פּראָפּאַן, אין געבוירענעם אונטערטאַן,
וואָס האָט איינגעזאַפּט גאָר דעם הונגער פון דער וועלט —
און זעטיקט אים מיט בלוט און מיט בליי...
און שעלט — און קוועלט דערביי.

גאָטס קהל

װי אַמאָל בײַ יחזקאל'ן — די הױפֿנס בײנער, די צעשאָטענע אין טאָל —
לעבנס, לאַנג אין צװאַנג צעטראָטענע, קומען אױף אין נאַכטיקן תּהום...
אין טאָפּל־טאָפּל צאָל, קעגן די מאיקאָװעלים פֿון איצט און אַלעמאָל.
שטעטלדיקע עדה'ס, איבער ניטל'דיקע װעגן, װי װײַסע מעװעס אין אַ װאַסער־שטראָם...
זאַטעס, זײדעס; קרעדאָס פֿאַר אַלע צײַטן — אַף אַלעמאָל גאָטס קהל.

אין װײַסע קיטלען און אין שװאַרצע, סאַמעטענע היטלען אָנגעטאָן,
טראָגן זײ — אין שימער פֿון תּכלת — זײער גלימער פֿון אבֿלות אום.
עדות אַף מעשׂים תּעתּועים, דורך די הענט פֿון רשעים אָפּגעטאָן —
רינגלען זײ רונד די ערד אַרום, צו אײביקן גאָטס נאָמען אומעטום...
סקעלעטן טרוקענע — שטאַפּעטן, פֿון דער מערת המכפּלה אָן.

פֿון אונטער בערג מיט ספֿרים — פֿון קעלער־קבֿרים — רײ נאָך רײ:
געבאָט פֿון צײַט — װאָס גײט אױף װי אַ בראַנד־אָפּפֿער צו גאָט...
און — מיט אמן, יהא שמה רבא און עולם הבא אַף די ליפּן, שטופּן זײ —
װאָװיל־קענער און קוימען־קערער, די האַנט פֿון שפּאָט...
אײנײנעם מיט דער אױסגעשטעלטער הפֿקר־באַק — אונדזער דורות װינד און װײ.

מיט יעדן אות אין דער תּורה — אַ פֿאַנצער קעגן װעלט־שגעון;
און מיטן טרערן־כּוס אין האַנט... אַ גאַנצער — ביזן ראַנד שױן פֿול —
זינגט יעדער ייִד צום בורא: נוסח בעל שם, צי נוסח װילנער גאון...
שיר השירים און קהלת: דאָס געזאַנג פֿון ליבע — און פֿון נול מאָל נול...
מיט אַ ייִנגלשן שלשלת, װאָס װעקט אױף פֿון שלאָף פֿאַרטאָג דעם האָן.

געפֿאַנגענע אין שפֿלות; מיט מום'ן — װי אַ מילגרױם פֿול מיט זאָמען;
עקשנות, װאָס גײט פֿון תּענית ביז תּענית — און גרײט אַף נאָך און נאָך קרבנות...
פֿון דעם יונג מיט דער דראַטװע — ביז דעם, מיטן שאַרפֿן צונג און קלינגענדיקן נאָמען;
נדר קעגן שאַנד און בראַנד־תּקנות און כּסדר פֿאַרלײקנט פֿון װעלט־רחמנות...
פֿון דעם הונגעריקן בטלן — ביז דעם, װאָס איז פֿון דער פּרעמדער ראַטעװען געקומען.

בייטאָג, אונטערן טויער — אין לויער מ׳האַנדלט און בייַנאַכט, ווי פּאַרוואַנדלט,
גייט אויף איבער יעדן געטאָ־מויער דער זין פון מידה כנגד מידה —
אַף אויפשטאַנד און מרידה... און ווי אַמאָל אין ישיבה, דעם ביסן ברויט מ׳אַנגלט.
ביז מענטש, צום לעצטן פּרואוו געשטעלט, וואַרפט אין פּנים דער וועלט איר ירידה,
און אויג אַף אויג מיטן טויט, הונגער און נויט, אין יעדן בונקער זיך ראַנגלט.

פאַרבאַט און אויסראַט — אין אייביקן געקנאַט פון גאַלגאַט און סיום התורות —
התעוררות־ליכט: אין בלוטיקן תהום — די האַנט וואָס ריכט צום חיי־אדם...
באַשייד — וואָס בינדט לייד און אויסלייז־פרייד אין איינגעווייד פון דורות;
ביז — דאָס שניידערל, וואָס ווייזט זיך אַף די וועלט־חורבות, מיטן נאָדל־פאָדעם;
ביזן רויך פון קוימענס אין דאַכאַו, טרעבלינקע: אונדזער הייליקע קטרת.

יללות — פון צום טויט פאַרפייניקטע — פאַר די אויגן פון די, וואָס ריכטן אַפּ גלות
מיט געפּעלשטע אַריער־פּאַפּירן, איבער טריפה אונטער־ערד קוואַרטירן —
ביז די, אין וואַלד פאַראייניקטע — צו שפּילן איבערגוואַלד פּאַרטיזאַנען־ראָלעס...
ביז יענע, וואָס חלומען דעם אחרית־חלום, אין לשון פון טונגוסן און באַשקירן...
און דער רויטער פאָדעם, וואָס ציט זיך פון אדום — ביז היטלערס חילות;

פון דעם קדוש השם זינט דער מוטער חנה מיט אירע זיבן קינדער,
ביז דעם: פון חנה סענעש, הערליך, אַלטער — ערליך־האַלטער פונעם מענטשן־מין;
ביז אומפאַרשטאַנד — און ווידערשטאַנד, ביים ראַנד פון בראַנד און פלינדער...
וואַרשאַ, ביאַלעסטאָק, ווילנע, לובלין — אַף פּאָליעסי, פּאָדאָליע און וואָלין.
ביזן לעצט־פאַרצווייפלטן געראַנגל אין וועלט־פאַראַכטונג, אין בלינדער.

און פאַרשוואונדן איז דאָס שטריימל, די קאַפּאָטע, איינינעם מיט די פּאות און בערד;
פאַרשוואונדן דאָס לעצטע הייליקע גזעמל, מיטן חסד שבחסד אַף די ליפּן...
אַנשטאָט זיי — גייען אויף אין בלוט און בלאָטע גאַליטערס — מיט האַק און שווערד.
און יעדער טראָט פון רייטערס פערד הילכט אָפּ אין מיינע ריפּן,
ווי דאָס געוויין פונעם שיריים פון די שייטערס — איבער גאַר דער ערד.

נר תמיד

תמיד שטומע ציען זיך אין חשכות, אינם שוואַרצן,
די שעה'ן פון מיין ווארטן — אַזוי שווער;
אַף וועגן קרומע —
אויפגעקנוילט אין יאָרן: דריי מאָל אַכצן —
טליען ביינקשאַפטן תמיד אין מיין האַרצן;
צעגליען אַזאַ לויטער, ריין באַגער.

תמיד שטומע ריגלען זיך פאַנאַנד אין מיר פאַרלאַנגען:
טרוימען — אויסגעלאָשענע לאַנג צוריק;
צווישן תמיד טמא —
אונטער זיגלען, ווי אין צוואַנג־געפאַנגען,
וויקלען תמיד זיך, אין ביינקעניש פאַרגאַנגען —
חלומות אינגלשע: נר־תמיד־גליק . . .

תמיד שטומע, ווילן מיינע טרוימען, דורך די שויבן,
ווי טויבן — לאָזן זיך מיט גאָט אין וועג...
אַף שטעגן פרומע —
אַזוי ווי ווינט־געטראָגענע שטויבן —
ווילן תמיד אין די רוימען זיך דערהויבן,
מיינע שעה'ן, מיינע טעג.

שוואַרץ און גרוי

אַפּן טויט פון מיין חבר —
דעם דיכטער ברוך גאָלדהאַרט.

שוואַרץ און גרוי, און גרוי און שוואַרץ;
ס'פרעסט די נאָג אַזוי דאָס האַרץ...
טאָג נאָך טאָג, און נאַכט נאָך נאַכט —
הערט זיך ווי דער שטן לאַכט.

טאָג נאָך טאָג, און נאַכט נאָך נאַכט;
גלייך מיט מיר, אַף נס געוואַרט —
גלייך מיט מיר, אין וואָרט געגלויבט...
ביז ס'קומט דער טויט — און רויבט.

איינס נאָך איינס, ער נעמט אונדז צו,
איז דאָס די אויסגעבענקטע רו?...
גרוי און שוואַרץ, און שוואַרץ און גרוי —
ס'פרעסט די נאָג, דאָס האַרץ אַזוי.

טאָג נאָך טאָג, און נאַכט נאָך נאַכט —
הערט זיך ווי דער שטן לאַכט...
אַפּן שפּיץ פון העכסטן דאַך,
שוואַרצע קראָהען האַלטן וואַך.

זיי זענען צופרידן

חלומות — אין האַרצן געטראָגן פון לאַנג:
שלום, צווישן דעם מענטש מיט דער שלאַנג —
שנעלער ווי רויך דורכן קוימען פאַרשווינדן...
פונקען לעשן זיך — און צינדן:
היים־ווײ „אונטער דען לינדן"...

און דזשאַן, און סוזאַן, און איוואַן, און אבדולא.
הערן און זעען די וויסטע בהלה —
רואיק, זאַט און צופרידן:
צום „באַן־הויף" פירט מען יידן.

שטאָלענע קאַסקע — אַף נאַקנס ווי שטאָל;
פון פנים די מאַסקע אַראָפּ מיטאַמאָל...
האָבן זיך איבערגעוואונקען אין צער,
אויגן — געזונקענע צום טראָטואַר —
מיט אויגן ווי פונקען אין זשאַר.

און דזשאַן, און סוזאַן, און איוואַן, און אַבדולא.
קוקן זיך צו צו דער נייער ממשלה —
רואיק, זאַט און צופרידן:
אין פראַכט־צוג שפּאַרט מען יידן.

אַ קלאַפּ און אַ פייף און אַ גרילציק־געשריי;
און — איבער רעלסן אַ רעדער־געדריי...
אין קאַלטע וואַגאָנען, אָן זין און אָן ציל —
שפּילט דער מלאך פון טויט אַ שפּיל,
מיט נויט — אַף נאַקעטן דיל.

און דזשאַן, און סוזאן, און איוואַן, און אַבדולאַ
פאַרשטאָפּן די אויערן צו דער יללה —

רואיק, זאַט און צופרידן:
פון דייטשלאַנד טרייבט מען יידן.

לעצטער געראַנגל, אין לעצטן עקשנות;
לעצטער געדאַנק וועגן גאָט פון רחמנות —
און ס'איז פאַרענדיקט דער לעצטער תענית...
איבער געשטאַנק פון פאַרהאַקטע וואַגאָנעם —
קראַקען שוואַרצע וואָראָנעם.

און דזשאַן, און סוזאַן, און איוואַן, און אבדולא
קוקן אַרויף צו דער נאַצי־גאולה —
רואיק, זאַט און צופרידן:
דאָס רייך איז ריין פון יידן.

אָ, גאָט פון רחמנות, פון וולעדניק און כעלם;
פון שפאָלע, באַרדיטשעוו — אַפּגעווישן, נעלם...
פאַרוואַנדל זיך דו אין אַ קללה,
אַף יענע, וואָס האָבן די היטלער־נבלה —
דערפירט ביז צו כלו כלה.

וואו דזשאַן, און סוזאַן, און איוואַן, און אַבדולאַ
גרייטן איצט איינער דעם צווייטנס מפּלה...
רואיק, זאַט און און צופרידן —
ביים טויט פון זעקס מיליאָן יידן.

שיקאַגאָ — 1944.

דאָס שפּיל אין שטום־שווייגן

אָ, אויסגעבייַנקטער אחרית־חלום
וואָס אָן אים האָט די וועלט אַ מענטשן־פּרעסערש־פּנים...
חלום פון די, וואָס האָבן טראָץ דער להכעיס־אַפּווענדונג
פון אייגענעם מהות — דורך טויזנט־מאָליקער זעלבסט־שענדונג,
(נישט אָן אַ פּאַרוואָס...) דאָך, זיך איינגעקריצט אין גאַנג פון צייט
און געוואָרן ס׳לינקע זייט פּנים פון אונדזער ווירקלעכקייט.

אָט דער זעלבסט־היפּנאָז, געצילט קעגן וועלט סטאַטוס־קוואָ,
וואָס גייט איצט אויף אין „פּראָלעטאַרישן" אַפּלאָז —
פּאַר מיליאָנען אַנדערע באַפּרייער און באַפּרייטע — אַפּן דנאָ
פון דער וועלטס אויפגעיערטן העץ און געץ־געגנערטן כאַאָס...
יאָרן נאָך פּעטליוראַ, נאָך דעניקין, נאָך׳ן פּאָטערל מאַכנאָ —
קעגן ייִד, וואָס שטייט נאָך אַלץ אַף אַלע שייד־וועגן הילפלאָז.

אָט די, אין אונדזער בלוט באַנייטע אמת׳ן,
איבער אַלע גרענעצן פון דער וועלט,
וואו נאָר אַ ייִד האָט זיין פוס אַוועקגעשטעלט ;
אמת׳ן — וואָס חזרן זיך איבער מיט יעדן רעכטן און לינקן אָפּנויג...
און, אַף וועלכע אונדזער פירערשאַפט :
לוי יצחק באַרדיטשעווערס יורש׳ —
ווייל אָפּגעפרעמדט פון שורש — פאַרמאַכט דאָס אויג.

אמתן, וואָס שטעכן איצט די אויגן פון דער וועלט ;
און זי — ווי זי וואָלט די אויגן זיך פאַרשטעלט,
שווייגט.... דאָס הערד־פאָלק : די שיקלבאקער ריזן —
האָבן גרעסערס נאָך, אין זייער צייט באַוויזן,
און די וועלט האָט אויך דאַן געשוויגן ;
קלאָר, די וואָרע וואָר אין איר איז ליגן.

נאָר דאָס שטום־שווייגן, וואָס גייט איצט אויף ביז צו די הימלען,
אין צייטונגען, זשורנאַלן — די צעפּויקטע הימנען
וועגן טאָטאַלן, אַל־יידישן איבערבוי,
וועגן ברידערשאַפט צווישן ייד און גוי —
שוין יאָרן, נאָכן גרוילנדיקן חרם;
ביים אויסשניידן די צונג אין מויל פון אייגענע חברים:
דאָס איבערבלייב פון איבער צען מיליאָן יידן...
און ס'פרידן־שמייכעלע דערביי אַף די ליפּן פון די וואָס שמידן
אויך דאָ הי, מיט אַזוי פיל פּליים און מי,
די פּראָלעטאַרישע קייט פון באָגראָן כמעלניצקי,
דעם גרויסן פּיטער און דער באַוואוסטער קאַטערינאַ —
לויטן מוסטער פון גרויזאַמען איוואַן און דעם גרוזין דזשאָגאַשווילי,
אויסגעשפּילט פון דער זאַסלאַווסקי־ערענבורג־קאַפּעליע...
איבער גאָר דער לייג און ברייט פון דער ראַטן־מדינה.
פון אַרכאַנגעלסק — ביז סלאָוועצקי,
פאַר די נאָכפאָלגער פון בערגלסאָן, בראָדערזאָן —
פעפער און מאַרקיש: די ס"ה אונטערציער, אַף דער פאָן
פון די מאָדערנע טשינגוס־כאַנער —
איינעם מיטן חלום, דעם בירא בידזשאַנער,
פון אונדזער אומעטום פאַרשוויגענער,
אַף אַלע רינשטאָקן פאַרשפּיגענער יידישער נויט....
אָט די געצוואונגענע אונטערפירער צום טויט
פון כאַריק, קולבאַק, צינבערג, זלמן רייזן, הערליך און אַלטער;
און ווער ווייסט פון וויפיל נאָך אַזוינע ערלאַך־האַלטער,
אין שקלאַפן־לאַגערן פאַרשיקטע —
לייענער פון נסתר, האָפּמאַן, האַלקין און קוויטקאָ.
זיי, וואָס האָבן ביזן סאַמע סוף געוואַרט אַף גנאָד־דאָקלאַד,
פון סעטנקאָ ראַזינס יורשים —
און סוף כל סוף זיך דערוואַרט אַפּן פּריקלאַד,
אין האַנט פון די באַפרייטע קאַרל מאַרקס מפרשים.

אַט די אַלע אומגעבראַכטע וואָר־טרוימער:
די דור דורות גאָט און מענטש גלויבער...
(צווישן אַלע סדום'ער — די אַלער־העכסטע סדום־לויבער...)
פאַרכאַפּט אינם צויבער פון אַן אויסגעטרוימטער וועלט,
אַליין פאַר קנעכט און רויבער אויפגעשטעלט...

אַ וועלט — באַזעלט מיטן ענדלאָזן טרויער,
פון זייער פאָלקס פיר טויזנט יאָריקן אמונה־דויער...
אַ דויער, וואָס האָט געקאָנט און געזאָלט ווערן,
אין אָט דעם יאָמער־טאָל פון בלוט און טרערן —
דער המשך'דיקער קיום־בויער;
דער אָן־תמונה'דיקער תקומה־מויער (אָף פאַפירענע בריקן...)
וואָס זאָל דאָס האַרץ פון אַלע טרוימער דערקוויקן:
דער טויער צו אַ שבת־יום־טוב'דיק, וואָכיק־תוכיק לייב און לעבן.
וואָס האָט דער וועלט געדאַרפט תוך און תקון געבן...
און ס'איז פון דעם קיין שריד און קיין פליט נישט געבליבן.

שווייג, האַרץ מיינס — שווייג.

אָ — שווייג, האַרץ מיינס — שווייג;
טרייסט מיך ניט, אין וואָר פון טאָג,
מיט פעלקער־אָנקלאָג, גאולה־אָנזאָג...
מיט מענטשנס ווידער־אויפשטייג.

אָ — שווייג, האַרץ מיינס — שווייג;
ס׳איז פלאָג פון טאָג: מאָס און וואָג...
און מענטשנס ביטראָג —
מהות פון פאַל און שטייג.

אָ — שווייג, האַרץ מיינס — שווייג;
ס׳איז פון גאָרער וועלט דאָס האַרץ —
היינט — ווי נעכטן שוואַרץ...
און די ערד — אַ שטייג.

אָ — שווייג, האַרץ מיינס — שווייג;
דער וואָס זיצט אַפן פערד,
פאָכעט אַליך נאָך מיטן שווערד...
ער גיט אַלעמען אַ פייג.

אָ — שווייג, האַרץ מיינס — שווייג;
האָסט אַליין, אין וואָרט־געפעכט,
וואָר פון וואָרט פאַרשוועכט;
און וואָרט פאַרשוועכט — מיינט וועלט צעשטערט...
טו שווייג, האַרץ מיינס — שווייג.

פרעמדע וועלטן.

מײַן חבר, דעם דיכטער בן שלום — אַ מתנה.

פון טויזנט ברונעמער,
אין טויזנט פרעמדע קוואַלן —
האָב איך געזוכט מײַן מדבר־דורשט צו שטילן;
אין טויזנט פּנים׳ער,
אין טויזנט כּף הקלע׳ן —
האָב איך געפּרואווט פאַרשיכורן מײַן ווילן...

ווי טויזנט שײַערן,
אין טויזנט העלע פלאַמען —
האָט וועלט־אומרו געלייגט זיך פאַר מײַן טיר;
פון טויזנט פײַערן,
אין טויזנט פרעמדע שטאַמען —
אַנטלויפן וואו, פאַרגעסן ווילט זיך מיר.

פון תהום

די וועלט איז מיד און קראַנק און ביטער;
און די וועלף — זיי טשאַטעווען...
און קיינער, קיינער קומט נישט זיין דער ריטער —
קיינער קאָן נישט ראַטעווען.

וועלט —
נישט איך האָב געערדט אינם קול פון דיינע אָראַקלען
און נישט אינם לשון פון דיינע פאַלשע נביאים;
נישט איך האָב געוואַרעמט דעם ליגן אין מויל,
אַף די גרויל־ספעקטאַקלען פון דיינע פירער־פאַרפירער...
דאָך, ווי דער אייביק־פאַרשאָלטענער וועלט־אינטרעגירער —
נאָך אַלע סך הכל'ן — אַ שטער צו דיין קיום...
שטיי איך פאַר דיר: אַן ענטפער אַף די רייד פון דיינע טרוימער־מאַרטירער.

וועלט —
אומזיסט האָסטו, לויט אַלע קולטור־כללים,
מיט בלוט בלבולים און מיט זקני ציון־פראָטאָקאָלן,
נאָכאַנאַנד זיך געשטאָפּט — און אָנגעקוואָלן;
אומזיסט, אין יעדן לאַנד, דעם בערן־טרייבערס חלום געחלומט —
און מיט וואָלטער און רוסאָ לפנים זיך געפנימט...
אומזיסט, אין יעדן האַפן, אונטער ריגל פאַריגלט —
דיין אַפּן־פּנים — אין וואַפן אָפּגעשפיגלט...
אומזיסט דיינע קוילן, ביקסן און האַרמאַטן;
די מאַנדאַטן — און אויך דיינע פאָליטישע טראַקטאַטן,
זיי פאַראַטן די כונה פון פיראַטן —
אַף די ליפּן פון דיינע כיטרע דיפּלאָמאַטן...

דיינע דזשעט און ראַקעט־עראָפּלאַנען;
די געשפּאָלטענע אַטאָמען דיינע — די באַפרייטע עלעקטראָנען —
וועסט מיט זיי דעם הונגער פון מולי־מילאַנען זעטיקן נישט קאָנען...

װעסט דעם אױפגעװעקטן האַס מיט זײ נישט צאַמען —
נישט אָנפּילן די גאַל־צעעפּנטע תהומען.

װעלט —
די הונדערט טורעם־טױערן פאַרן נבוזה'דיקן קצבה־װאָרעם:
געשטאַפּאָ, שטורעם־טרופּער — דײַן סופּער־דופּער ליבלינג־אָפּקלײב,
האָסטו אַלײן — װי אַ װאונד אין לײַב —
פאַר מענטשנס אױג און אױערן נאָכאַמאָל צעעפנט...
ביז פרײַך — יעדע מאַסקע אָפּגעטאָן —
װעט נאָכאַמאָל אַ שפּרײַך טאָן דיר אין פּנים
מיטן „הארסט װעסל־ליד" אין מױל און האַקן־קרײַץ אין אָרעם.
געדײנק — אָ, װעלט!
נישט געהטע, נישט דאַנטע, נישט קאַנט און ניט שפּינאָזאַ —
דאָס פּיראַטן־געשטאַלט: היטלער־מוסאָליני,

האָט מיט דער העזה פון אַ הערקולעס־גיגאַנט —
גלײַך פון שײַנק — אַרױסגעשפּאַנט אַף דײַן בינע...
מיט דער מינע פון אַ װילד־געװאָרענעם חזיר — אַ מדבר־היענע,
האָט עס געשפּרײט רואינע — פון אײראָפּאַ ביז אַבעסיניע...
װי אַ שינדער שינדט די פעל פון אַ טױטער שקאַפּע —
אַזױ האָט זיך געשפּרײט אַ בלוט־באַפּלעקטע לאַפּע,
אין יעדן לאַנד, איבער יעדן פאָלק, אין יעטװידער מדינה;
און װי אַ לעמפּערט, װאָס לאָזט נישט אָפּ פון אױג זײַן קרבן;
איז אױפגעגאַן, אין בראַנד פון צװאַנציקטן יאָר־הונדערט —
דער חורבן פון מײַן פאָלק, צום טױט פאַרהונגערט:
איבער פּױלן, ליטע — אוקראַינע, בוקאָװינע;
און — צום דריטן מאָל (אונטער בעװינס שליטה...)
דער בריטיש־אױסגעפּלאַנטער,
חיתיש־אױפגעפלאַמטער חורבן פּאַלעסטינע.

איך װײס:
נישט די הונגער־גוליע, אַפן גאַל און אַליװ־גרין געזיכט,

פון דעם אומבאַקאַנטן קוליע — מיטן פּנים צום מעריב געריכט...
(אַ נייער יעזוס אַף דער תּליה, מיט אויגן שפּעלטעלאַך דינע —
פול מיט פייער־פלעמעלאַך גרינע... און מיט אַ קנאה,
פון הונדערט דורות קנעכטשאַפט אַף יעדער וויע...)
ווי נישט דאָס גילאָטינע־ליד ביים רייַן,
אַף די ליפּן פון יעדן נאַצי־שווייַן —
וועט אויסשעפּן דעם סם, אין ים פון פעלקער־שנאה.

איך ווייס:
ניט בלוט און ניט שווייס;
ניט גלויבן און ניט מי —
ווי ניט דער צער פונם גוססן אַסטוריער,
מיט דער גיטאַר אַף דער קני...
ניט דאָס פאַרשטומט געוואָרן ליד
פון פּוילישן, ליטווישן, רומענישן און אונגאַרישן ייִד,
וואָס ווערן איצט אין ראַטן־לאַנד מיטן וואָרצל אויסגעריסן...
נישט געוויין און נישט געבעט;
נישט אויסלייז־געלט — און נישט געטיילטער ביסן,
קאָן אויסלעשן דאָס פייער אין אַ וועלט —
מיד פון איר אייגענעם געוויסן.

אָ, וועלט —
ווי וואויל איך זע דעם אומזין פון אַלע דיינע דזשאָנגל־דרכים;
(דער אָנהויב און דער סוף פון דיין גאַנצן קנויל גרויל־היפּוכים...)
ווי אויל אַף פייער — דער זין און ציל פון דיינע כלומרשטע באַפרייער;
דאָס פּורים־שפּיל, וואָס דיר איז אַזוי ליב און טייער —
דאָס אייביקע זשאָנגלירן דיינס מיט רייד וועגן פעלקער־שלום;
דאָס אייביקע נעגירן דיינס די נויט, וואָס שטאַרט אין פּנים...
ביז האַרץ און מאַרך ווערט פאַרכלינעט פון פעטן טאָפּ לינדזן־שבחים;
ביז האַק און ביים ווערט געבאָט — מי און פליים ווערט שפּאָט...
און פעלקער־שלום — — — — — — — — — — — — — חלום.

וועלט — ווי אַמאָל, די בלינדע איינוואוינער פון סדום,
אַזוי זע איך דיך אומעטום באַלאַגערן מיין טיר...
און — ווי דער בלינדער שמשון, מיט ביידע הענט אָן די געזימסן —
איך זאַפּ אַריין, אין מיין יעדן ביין און קנאָך,
דיין בייז־ווּיליק געלעכטער אַף מיין בראָך:
מיינע היימלאָזע וואַנדער־שיפן, אין אָפענעם ים,
„שטרומא" — „עקזאָדאָס" — לעצטע טראָפּנס סם,
ביים ראַנד פון פריי־לאַנד... דיין אייביקע שאַנד —
און דאָס שטענדיקע לויערן
פון די, מיט טויבע אויערן, אונטער צוגעמאַכטע טויערן —
אַפן שארית הפליטה פון מיין שטאַם...

דער מעסער־שטאָך, וואָס קוועלט נאָך אין דיר פון אור־אַלטערטום;
די פרייד פון סאַדיסט — אינם נאַצי־פאַשיסט —
(ביי מאַלאָטאָוון אַ געשמאַק־זאַך...)
דער טראָפּן גיפט, אַריינגעטריפט פון דריטן רייך,
שוועלט און שוועלט — מאַכט דיך שלעכט און שלעכטער;
ווי אַ געשוויר, וואָס פרעסט דאָס אינגעווייד פון דיינע זין און טעכטער.

און דאָס אויסגעלייזטע סטענקאַ ראַזין־בלוט?
קאָמונאַרן־מוט, וואָס קושט איצט בלינד די אויפגעקומענע באַיאַרן־רוט...
סאַלוט צו איוואַן גראָזני, כמעלניצקי און דעם גרויסן פיטער?
איז דאָס פּראָלעט־דיקטאַטור — צי קאַריקאַטור אַף די אָקטאָבער־ריטער?
אידעאַל — פאַרוואַנדלט אין אַ חזיר־שטאַל,
צי ריטואַל צום פאַנאַנדערפאַל פון וואַנדאַל אין טריאומף־גאַלאָפּ:
אָט די שלאַנג, וואָס העשעט אונטערגאַנג איבער מיין קאָפּ?...
אָ, וועלט — ניט דאָס ערשטע מאָל
פאַר דיינע זינד איך צאָל.

ווי אַ שטראַל, פאַר די וואָס זענען בלינד,
איך פאַרשווינד מיט יעדן שטורעם־ווינט...
און ווי אַ קוואַל, און ווי אַ וואַסער־פאַל — פאַר שאַף און רינד —
איך גיי ווידער אויף, מיט יעדן ניי־געבוירן קינד.

פון היטלער ביז פעטליורא — און פון כמעלניצקי ביז בלשאצר —
איך קאָן דעם הענקער און אויך דעם העצער...
און ווער עס טראָגט קלעצער צו זיין אייגענעם מזבח;
און ווער עס עס איז שעצער איבער מענטשנס האַרץ און מח...
איך האָב איצט נאָך גלויבן, און איך האָב איצט נאָך כח —
צו שטיין פאַר דיר אָ, וועלט! ווי דניאל פאַר נבוכדנאצר.

איך קאָן די שטריק און איך קאָן די תליה;
איך קאָן די ענגע פיר תפיסה־ווענט — דיין רויב־מאָנומענט,
אויפגעשטעלט דער שלאַנג, וואָס חברט זיך מיט דיר —
אָט די וויסטע מאָנסטער־בריאה; דיין קריעה־בליע׳דיקע נויט,
וואָס לויפט פאָראויס פאַר דיר — און גאַווערט טויט איבער מיין טיר...
און שענדט און ברענט און פאַרלענדט דיין אייגן געביין — אָ, וועלט!
וואָס אויר׳ט מיטן נאָמען טשעמבערליין —
און מיט דער היטלער־סטאַלין־בעווין פעראָניאַ.

אָ וויים עס וועלט —
און זאָל עס אין זכרון דיינעם בלייבן איינגעקריצט,
ווי דער גאָט וואַלהאַל, וואָס אין דיין האַרצן זיצט...
וויים: דער ליגן, וואָס ליגט אין דיר פון אייביק אָן,
ווי אַ מאַדאָנע — אין סאַמעט און אין אַטלעס אָנגעטאָן —
און זשאַווערט דיין אייגענעם פאַרשפּרעכן אַף גאולה:
דאָס איז דיין האָב און דאָס איז דיין גאָב...
דיין איינציקע מתנה — דיין געקרייציקטער גאָט,
פון אָנהויב אָן איינגעהילט אין בלבול אַף יהודה איש קריות —
דאָס איז: דאָס וואָיען פון קאַיאָט,
וואָס וואָיעט נאָך פון נמרד׳ס צייטן אָן ביי דיר אין בלוט...
און איך האָב איצט נאָך מוט צו וואַרפן דיר אין פנים:
דיין ברכה לבטלה — דיין יללה וועגן מענטש־באַנקראָט...
דיין פאַרברעכן, אין אויסשטעכן די אויגן דעם,
וואָס דערקאָנט אין דיר דעם נמרד־ברוט.

וויים: די קללה, וואָס טריפט פון דיר אַראָפּ,
טראָפּ נאָך טראָפּ — ווי חלב פון אַ טאָפּ...
דיין חוכא וטלולא, אין אָנזיכט פון דער נאַצי־נבלה —
אָט דאָ ליגט דיין מפּלה...
דיין בלינדער ראַסן־האַס,
דיין פלינדער און דיין מאַסן־שפּאַס,
וואָס דערפירט ביז שעכטן קינדער מאַסן־ווייז —
ווי שאָף און רינדער, אַפן מיטן גאַס;
דאָס איז דער מס — דער צער און דער גזר...
און דו וועסט נאָך צאָלן און צאָלן דערפאַר.

און — זע; פון דער טיף פון תהום,
ליכטיקט אויף אין מיר אַ טרוים:
אַ פונק באַהאַלטענער אמונה־שטאָלץ —
„וארשתיך לי לעולם..."
די עליה — פונעם אייביק־פאַרהאַסטן,
צו גאָט פאַרקנסטן ייד —
ביים וויקלען די האַנט אין רצועה...;
אָ, אייביק פאַראַנקערטע יידישע שבועה;
גלויבן — וואָס וואָרצלט אין לעבן ווי בוים און ווי ליד —
און איז, ווי דאָס האָלץ, אונטער דער האַק פון אַ גולם — אַ באַבון,
וואָס גרייט זיך פאַרלעשן דאָס ליכט פון דער זון —
און ווערט אַזש צעפלאַצט פון הנאה.

דריטער טייל

גאָט איז אַלץ —

(נאָר נישט אַלץ איז גאָט.)

גאָט האָט דעם מענטש אין זיין געשטאַלט געשאַפן;
און יש אומרים אַז מיר שטאַמען גאָר פון אַפן...
נאָר די מלאכים פירן קיין וכוחים — זיי גאַפן:
ס'איז יעדער מענטש אין ז י י ן געשטאַלט געשאַפן.

פאַרלוירן גאָט

„פאַרלוירן גאָט!“ מיט ווייטעק דו זאָגסט עס;
און דאָס לײדיק האַרץ ווערט דערביי אין ליידיקייט צעריסן.
נאָר דו ווייסט נישט אַז גראָד דער וואָס זאָגט עס,
ווייל אין זיין אויסגעליידיקט האַרצן קלאָגט עס —
טראָגט גאָט אין זיין געוויסן...
און — דוקא דער וואָס איז געטער־זאַט,
פעלזן־זיכער מיט זיך און מיט זיין גלייביקייט —
האָט אפשר קיינמאָל גאָר קיין גאָט נישט געהאַט...
זיין גלויבן איז שטויב־אָנוואוקס אַפן רוקן פון דער אייביקייט.

די טריט פֿון מענטש

די טריט פֿון מענטש זענען נומערלאָז —
ווי נאָמענלאָז עס איז דאָס פּנים פֿון דער מאַסע.
איינער טרעט אין די טריט פֿון זיין ראַסע;
דעם צווייטן האַלט די מאַסע אין אייביקן היפּנאָז —
דער דריטער האָט זיך, אינם קלאַסן־פּסיכאָז,
אויסגעלערנט קריכן צו גאָט איבער דעכער...
נאָר העכער פֿון אַלע, מיטן בעכער אין האַנט,
גייט דער וואָס שפּאַנט איבער אָפּגרונטן —
דורך יאָרהונדערטן — פֿון לאַנד צו לאַנד.

גאָטס נאָמען

גאָטס נאָמען, אַף די ליפּן פון גאָטלאָזע,
ווי דעם קונצן־מאַכערס ליד בעת ער גייט אַפן שטריק:
אַן אויגנבליק — און די געמאַכטע פרייד שיקט צוריק
דאָס בינטל ביינער אינאיינעם מיט דער העזה...
יעדער בויג — אַ תפילה, יעדער נויג — געבעט;
זיין אויג, מיט באַהאַלטענעם ציטער, דעם שטח גלעט.
נאָר ווען ער גייט די צירקוס־שטריק אַריבער
און דאַנקט פאַרן אַפּלאָז, ווי עס פּאַסט אַ גבור...
קייקלט זיך אַ טרער אים אַראָפּ אַף דער ליפּ: „גאָט, דו ליבער."

יעדער מיט זיין גאָט

פֿאַרשיידענע וועגן, פֿאַרשיידענע שטעגן —
זיי פֿירן אונדז אַלע צום זעלבן מקור...
אַף זיבעציק שפּראַכן קומט דיר אַנטקעגן,
אַף זיבעציק שליאַכן — דאָס ליד פֿון דיין דור.
דיין גלויבן איז הויך, מיינער נאָך העכער —
איינער פֿון צווייטן פֿאַרהילט זיינע טריט;
דער וואָס איז שטאַרקער, יענער איז פֿרעכער —
ער פֿירט זיין־גאָט אַף אַ קייט געשמידט...
דער שוואַכער טראָגט גאָט, אין הכנעה־געמיט.

אין דער שפּראַך פון די געטער

מענטש — איבערזעץ אין דיין אייגענעם לשון
דעם פליסטער — פון געליבטן צו זיין ליבסטער;
דאָס געוואָי פונם ווינט און דאָס וויינען פון אַ קינד...
דעם פּחד פון אַ האָז, אינם שאָרך פון גראָז;
דאָס פליסן פון אַ וואַסערל אין טייך
און דאָס קנאַקן פון די צווייגן אינם וואַלד...
דאָס שווייגן פון די שטערן אין דער נאַכט
און דאָס רוישן פון די בלעטער —
ווי די שפּראַך פון די געטער.

מענטש־סטעגנאַציע

ניט מאַנגל אין שפּייז, קליידער, באַקוועמלעכקייט ;
אַנאַנדערער — אַן איביק־וויכטיקערער מאַנגל
איז דער וואָס איז גורם אונדזער אייביקן געראַנגל ;
ס'איז דער מאַנגל אין מענטשלאַכערער פּערזענלעכקייט.
וויפיל רייד מ'האָט גערעדט, וויפיל ביכער געשריבן
וועגן גאָט־מענטש־ענלאַכקייט — דער מאַנגל איז געבליבן ;
מענטש — מיט צי אָן באַקוועמלאַכקייט — זעמלאַך קייט...
און — נישטאָ נאָך אַזאַ וויסטע מעדיטאַציע,
ווי די — וועגן מענטש־סטעגנאַציע.

די וועגן צו גאָט

אַלץ וואָס לעבט — איז גאָט־פאַרוועבט ;
קיין זאַך איז נוצלאָז, קיין זאַך איז שוצלאָז,
קיין זאַך איז אָן אַ פאַרוואָס...
ווי דאָס גראָז וואָס איז גרין — אַלץ האָט זין און ציל ;
און צי דו ווייסט עס צי ניט, צי פאַרשטייסט עס צי ניט :
שפּיל — פון אַ גרעזעלע אין ווינט, ביזן שמייכל פון אַ קינד ;
ביז דעם, וואָס אין אַלע שטרויכל־טריט —
דעם צלם מענטש פאַרהיט...
דאָס זענען די וועגן וואָס פירן צו גאָט.

רעליגיע

רעליגיע — דאָס מענטשלאַך־אײביקע,
וואָס זוכט און געפינט אין מענטש דאָס הײליקע...
דאָס איז דער קווינט פאַר דאָס אַל־פאַרגײענדע,
וואָס שפּינט דאָס מהות פאַר דאָס נײ־אַנטשטײענדע.
דאָס איז די געגנבטע ריפּ —
דער פרויען־כליפּ, וואָס טרײבט צו משוגעת...
און — דער שנעל אין דער אויבערליפּ,
פאַר דעם וואָס פאַלט אַ מידער אין מיטן גאַס —
אַ באַלאָדענער מיט לידער און מיט גאָט אין אַלע גלידער.

דאָס גאָלדן פישעלע

זינגער פון טרויער, זינגער פון פרייד;
די קלוגע רייד אַף זייערע ליפּן,
זיפּן — פון זון־אויפגיין ביז אונטערגיין —
דעם חלום פון דער וועלט... אין זיך אַליין.
נאָך זיי בלייבט די לעגענדע פון אַ ליק,
וואָס האָט אויסגעשפּרייט זיין נעץ אונטער דער לבנה —
(מיט דער כונה צו פאַנגען ס׳גאָלדן פישעלע מסתמא...)
נאָר די חכמה — די לבנה — איז פאַרגאַנגען;
און דאָס גאָלדן פישעלע האַלט אים געפאַנגען.

טריט

(פראַגמענט)

א

טריט — פון בית לחם יהודה,
בבל, שפּאַניע, פּרייסן, פּוילן — אַף וואָלין.

ווי וואויל, גערעכעניש דו מיינס,
האָסט אויפגעהיט די פּעדעם פון מיין שטאַם.
אַ שטיין אין דר'ערד, ווייסט מערער נאָך פון מיר
אפשר פון וועלט־באַשאַף דעם מיין...
נאָר ווייל איך האָב זיך אויסגעלערנט
מיטביידע פיס אַף דר'ערד אַרומצוגיין;
ווייל אומעטום האָב איך געזען: מענטש און גאָט —
אַזוי ווי כוואַליעס אַפן ים...
זע איך דיך, צווישן גרויע באָרד און פּאות,
דו — מיין שטעטעלע לישטין.

טריט — פון בית לחם יהודה,
בבל, שפּאַניע, פּרייסן, פּוילן — אַף וואָלין.

ב

טריט פון אויפגעקנוילטן עלנט,
אַף גאַסן פרעמדע — שטאָטישן אַספּאַלט.

דער הונט, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין עק,
דערשמעקט אין יאַטקע־ביין דעם זין פון זיין...
און אויך דער ווינט, וואָס שפינט דעם האַרבסט
אין מיינע פּאות, ווייסט וואוהין ער צילט.
נאָר דער וואָס שפּילט מיט אַלטע יורה דעות
אין טליתים איינגעהילט —

אָ, גאָט! האָסט אויפגעדעקט מיין פּיין
און טרייבסט מיך, ווי אַ קינד, אין דער נאַכט אַריין —
צו זען אַליין, מיט מיינע אויגן,
ווי דער הימל זיך אַף צווייען שפּאַלט...

טריט — פון אויפגעקנוילטן עלנט,
אַף גאַסן פרעמדע — שטאָטישן אַספאַלט.

ג

טריט — פון אויפגעקווועלטן אומרו,
אויך דאָ, אַהער — אַף פרעמדער ערד געבראַכט.

דאָס האַרץ פון דר'ערד זאַפּט איין אין זיך
דעם פּגר פונם וואָלף, לייב און טכויר.
און קיינער, קיינער ווייסט דאָך ניט וואָס נאָך
ער האָט אין אָט דעם גאָלדן לאַנד פאַרפעלט...
נאָר אַז דאָס לייטערל וואָס גרייכט אין הימל
איז גאָר פאַר מיר געווען באַשטעלט;
און אַז מיין חלום, אַף דער וואָר —
האָט אויסגעלייגט זיך דוקא פונקט קאַפּויר...
אַף דעם וועט עדות זאָגן דאָ
דער גאַסן־לאָמפּ — דער שומר אין דער נאַכט.

טריט — פון אויפגעקווועלטן אומרו,
אויך דאָ, אַהער — אַף פרעמדער ערד געבראַכט.

ד

טריט — פון אויסגעהוילטן חלל,
נאָך פון אור כשדים אָן — איך צייל און צייל.

עס ווײַנט דער הונגעריקער נישט דערפֿאַר
ווײַל אים איז איבעריק זײַן גוף;
און אויך דער זאַטער קלאָגט נישט
איבער פֿרעמד פֿאַרמעגן — ווײַל ס'ווערט פֿאַרברענט...
נאָר דער וואָס טראָגט די בענקשאַפֿט זײַנע —
אַזוי ווי איך: קייטן אַף די הענט...
וועט אייביק שווין זיך אומשלעפּן
אין האַלבער נאַכט — אַ וואַנדערער אין שלאָף;
און — נאָר צום גאַסן־לאָמפּ
זיך ווענדן ווי אַ קינד: שומר מה מליל?

טריט פֿון אויסגעהוילטן חלל,
נאָך פֿון אור כשדים אָן — איך צייל און צייל.

ה

טריט — פֿון אויפֿגעהעלטער בענקשאַפֿט,
אַף באַנאַכטיק שטאָטישן געמיט.

איבער אײַנגעוויגטער ענגשאַפֿט
הײַנגט דאָס בראָפֿען פֿון אַ סאָפּענדיקן ריז...
נאָר ווײַל איבער טיר און טויער הײַנגט,
ווי איבער סדום אַמאָל — שטומער ווײ;
און ווײַל פֿאַר די אויגן מײַנע
וויקלען זיך פֿאַנאַדער פֿאָנען אַלערלײ...
הענגט דאָס וועלט־געשרײ איבער מײַן קאָפּ —
אַזוי ווי אַן אָנגעגליטע שפּיז,
וואָס שפּאַרט זיך דורך פֿאַריגלטן געמויער,
אין פֿאַרזיגלטן גראַניט...

טריט — פֿון אויפֿגעהעלטער בענקשאַפֿט,
אַף באַנאַכטיק שטאָטישן געמיט.

ו

טריט — פון אור־אַלטן באר שבע —
פון דעם לאַנד כנען — ביז בירא בידזשאַן.

ווי וואונדיק רויט עס קייטלען זיך די וועגדער־רינגען
פון אַלעף — ביזקל תאוו...
צי דערפאַר ווייל חומר וויל זיך אויסגעשטאַלטן,
דורך גזר, אין מענטש־געשטאַלט?
צי ווייל טרוימער וויל זיך אויסבאַהאַלטן
אין צער פון מענטשנס זעלבסט־פאַרגוואַלט?...
נאָר איך, דער נאַר, וואָס שלעפּ זיך
נאָך מיין שאָטן נאָך — בין דער למד וואָוו;
און — אומעטום ,אַף יעדן טראָט און שפּאַן,
איז גאָט פאַראַן...

טריט — פון אור־אַלטן באר שבע —
פון דעם לאַנד כנען — ביז בירא בידזשאַן.

די מאָראַל פון שטאַל

פאַבל

צו זיין הונדערטן געבוירן־טאָג,
אַזוי זיך, סתם —
אַ מעשהלע פון פרץ׳ן,
באַאַרבעט צום גראַם.

די קאַץ האָט איינמאָל, אין די רייכע זאַלן,
דערזען איר אָפּבילד אין אַ שפּיגל;
„או־וואַ״ האָט זי געטראַכט: „סאַראַ פּראַכט״ —
און אין האַרצן: ביי זיך אָפּגעמאַכט,
דאָס גרויסע וואונדער — פאַר די חיות און געפליגל —
דערציילן אין די סטאַדאָלעס און שטאַלן...
און ווייל זי איז געווען נעבעך אַ גרויסע פּלוידערן,
האָט זי באַצייטנס זיך גענומען גוידערן.

אין די שטאַלן — האָט די קאַץ, בײַ אַלע חיות,
געהאַט אַ נאָמען פון אַ וואויל־געלערנטער דאַמע...
איר וואַשן זיך כּסדר, פאַר און נאָכן עסן,
האָט מען פּשוט נישט געקאָנט פאַרגעסן...
דאָס אַליין האָט דאָרטן אָנגעדייט מסתמע,
אַף הויך־קולטור און גרויסן יחוס... אַ נייעס —
האָט זי זיי דערקלערט: אַף אַ וואַנט, ווי אַ זילבערנע טאַץ,
האָט זי אַליין געזען דאָס געמעל פון אַ קאַץ.

אויסגעהערט די מעשה, איז אונדזער גרויסער חריף —
דאָס אייזל — אַליין אַוועק זיך איבערצייגן...
צוריקגעקומען — האָט ער, שטאָל און אייזן —
על פּי לאָגיק — זיך אַוועקגעשטעלט באַווייזן
פאַר די חיות אין די שטאַלן און די עופות אין די שטייגן —
אַז ס׳איז „לא״ און דווקא מיט אַ גרויסן „אלעף״...

„נישט קיין קאַץ״ איז ער פאַרגאַנגען זיך עקסטאַטיש —
„ס׳אַן אייזל״... און דאָס פּנים — ביז גאָר סימפּאַטיש.

טשיקאַווע — איז געגאַנגען זען דאָס בילד די מאַלפּע;
צוריקגעקומען — און זי האַקט זיך אין די קרייזשעס:
„ליגנער, ביידע ליגנער — דאָס אייזל ווי די קאַץ...
דאָס בילד, וואָס אמת, איז בפּרוש טאַקע אַ שאַץ —
נאָר ניט קיין קאַץ און נישט קיין אייזל איז עס;
סאַ וואונדערלאַך געמעל גאָר פון אַ מאַלפּע —
באמת: אַ קונסט־פּאָרטרעט... נאָר מילד־געריכט,
מאַכן פון אַ מאַלפּע אַן אייזל, צי אַ קאַץ — מיינט מאַכן כ׳געשפּעט״.

איז די זאַך געוואָרן קשה — אַ בייז וואונדער, צי וואָס?
האָט מען, בכדי דעם ענין גרונטלעך צו דערגיין —
געשיקט דאָס קעמל מיט דער קו באַטראַכטן דאָס געמעל...
האָט דאָס קעמל גלייך דערקאָנט: זיין הויקער, זיין פעל;
און די קו — הער נאָר, הער נאָר — אין די הערנער, דערקאָנט זיך אַליין...
אַוועק איז מען ווי שכנים—איניינעם; אומגעקערט זיך ביידע מיט אַ נאָז.
און די קו האָט געבויקערט אינם קעמל מיט די הערנער —
און דאָס קעמל האָט געהויקערט אין געטענה׳ט אַז ס׳איז ער נאָר...

דאָס האָט שוין דעם העלפאַנט אויך פאַרדראָסן;
זינט שטאַל איז שטאַל איז אַזאַ מין פאַל נאָך נישט פאַרלאָפן —
ערגעץ וואו באַהאַלט זיך דאָ אַ ליגנער...
איז כאָטש, זאָגט ער — פון אַלעמען איך וועג מער;
און מיר איז שווער דאָס גיין — וועל איך רואיק ניט קאָנען שלאָפן,
ביז איך וועל באַשטראָפן אָט דעם שווינדלער... באַשלאָסן —
און מעג ער האָפן אַזש אין מדבר צו אַנטרינען...
דעם ליגנער — דעם ליגנער וועל איך אויסגעפינען.

צוריק אין שטאַל איז אויך דער גרויסער העלפאַנט
שוין געקומען בייז — און אַלעמען גענומען פון זיך יאָגן:

„שווינדלער, אָפּנאַרער, באַרימער" — האָט ער הייזעריק געשריגן;
אַלע זענט איר איינגעטונקט פון קאָפּ ביז פיס אין ליגן —
דעריבער איז אייך אַזוי זיס דאָס רכילות טראָגן...
ווייסן ווייסט איר אַלע אַז דאָס בילד דאָרט אַפן וואַנט
איז גאָר באמת פון אַ העלפאַנט... נאָר איר פאַרגינט ניט;
טאָ ווי זאָל אייך דער ליגן נישט פאַרוויגן וואו ס'ווייט דער ווינט ניט?

דעם ערגסטן חלק האָט די קאַץ נעבעך געקראָגן —
פון די זאַלן האָט מען זי גלייך פאַרטריבן;
און אין די שטאַלן האָט זי אָנגעוואוירן איר גוטן נאָמען...
אַנשטאָט דעם מ'זאָל ווי פריער אַף אַלץ איר נאָכזאָגן אמן —
האָט מען גאָר אין די בלעטער זי באַשריבן:
„אַ פלוידערן — ליב געהאַט זיך גוידערן, ליגן זאָגן;
און פון קיך פליאָטקעס טראָגן"... לערנען מיר: זעען דאַרף מען קענען;
און דערציילן — מוז מען ויסן וואָס, ווער און ווען.

אינהאַלט

ערשטער טייל:

	זייט
„אַף גאָטס ערד"	11
מיין ליד — מיין תפילה	13
„אני מאמין" — ליד	15
„נצח ישראל" — בילד	29
וואָר־וואָרט	31
מידת הדין	32
דריי שעפּסן	36
דער בלאָנדער רייטער	41
דאָס געזאַנג פון מיינע איין און זעכציק יאָר (סאָנעטן־רינג)	45

צווייטער טייל:

„בלעטער אין וואַלד"	55
לידער און פּאָעמען	56
גאָט פון אברהם	57
מיין האָב און גוט	64
דריי הונדערט	66
שנים אוחזין	67
ריקל (באַלאַדע)	69
סירענעס	72

זייט

קאַמפּאַס־קאָמפּלעקס	73
אַ בינטל אותיות	74
יידיש דויערן	75
איך וואַרט	76
דער טרוימער	78
געבאָט און איבערטראַט	79
כאַזאַרן	80
אַ שטויב אין ווינט	81
ביים קאַמין	82
ממלכת כהנים	83
Stupid	85
מיין שכן — מיין קריטיקער	87
יוגנט־טרוימען	88
אַ יאָר פאַרגאַן	89
פרילינג — אין נאָוועמבער	90
ביים ראַנד	92
דער אָנדיינק פון אַ טאַטן	94
פון גן עדן — אין מרחץ	95
לעגענדע טראָצקי	96
כי טוב	98
הענט צום פאַרדינגען	99
גיי	100
פון וואַנען ס׳איז געדרינגען	101
אַלע ניסים	102
אַ שטערן פאַלט	103
גאָטס קהל	104
נר תמיד	106
שוואַרץ און גרוי	107
זיי זענען צופרידן	108
דאָס שפיל אין שטום־שוויגן	110
שוויג, האַרץ מיינס — שוויג	113
פרעמדע וועלטן	114
פון תהום	115

דריטער טייל

	זייט
גאָט איז אַלץ	121
פאַרלוירן גאָט	123
די טריט פון מענטש	124
גאָטס נאָמען	125
יעדער מיט זיין גאָט	126
אין דער שפּראַך פון די געטער	127
מענטש־סטעגנאַציע	128
די וועגן צו גאָט	129
רעליגיע	130
דאָס גאָלדן פישעלע	131
טריט (פראַגמענט)	132
די מאָראַל פון דער שטאַל (פאַבל)	136
אינהאַלט פאַרצייכנונג	139